השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת חיי שרה תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת הכנסת ספר תורה ע"י הר"ר שלום וויטריאל ני"ו
### בשילוב עם סעודת שבע ברכות של בנו החתן ירמי' ישראל וויטריאל ני"ו

יום א' פרשת חיי שרה תשפ"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א דאפעלטע שמחה, א סעודת שבע ברכות פון א חשוב'ער חתן, און א סעודה לגמרה של תורה. דער באשעפער האט געגעבן די זכות פאר רבי שלום ער האט געקענט מקיים זיין ועתה כתבו לכם את השירה הזאת (דברים לא-יט), שרייבן א ספר תורה, און ער האט משלב געוועןביידע שמחות צוזאמען. באמת איז א שאלה אין די פוסקים וועגן אין מערבין שמחה בשמחה (מועד קטן ח:), מען קען נישט מערב זיין צוויי שמחות איינס מיט דאס אנדערע. - דא האבן די צוויי שמחות א שייכות איינס מיט דאס אנדערע. תורה איז דאך נעוץ סופה בתחלתה, די לעצטע מצוה פון די תורה איז די מצוה פון כתיבת ספר תורה, און די ערשטע מצוה פון די תורה איז די מצוה פון פרו ורבו (בראשית א-כח), קומט אויס אז די צוויי מצוות גייען צוזאמען, עס האט א שייכות מיט די תורה.

**ווען** מען שרייבט א ספר תורה האט מען גענומען נישט מער ווי א פארמעט, און מען האט ארויפגעשריבן דערויף די ווערטער פון די תורה. ווען דער אייבערשטער העלפט, אז מען איז מגדל א קינד, וואס דאס קינד וואקסט אויס א תלמיד חכם, דאס קינד ווערט אליין א ספר תורה, איז אין ערוך די חשיבות פון דעם ספר תורה. ווען עס קומען זיך צוזאמען דא א כתיבה פון צוויי ספרי תורות. מען האט געשריבן א ספר תורה און ארייגעלייגט אין ארון קודש, און מען איז מגדל א חתן א ספר תורה, און מען שטעלט אים יעצט אריין אין א יודישע שטוב, איז דאס א שילוב פון ביידע צוזאמען, עס איז נישט קיין מערבין שמחה בשמחה.

*

**מען** געפונט, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די לוחות, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן די שני לוחות, זאגט דער פסוק (שמות לא-יח) ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו. זאגט רש"י, ככלתו כתיב, דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די לוחות, ככלה שנמסרה לחתן. די פסוק אליין איז מדמה, אז די תורה הק', די געשריבענע לוחות, די ווערטער פונעם אייבערשטען אויף די לוחות, דאס איז ככלתו, אזוי ווי א כלה וואס איז נמסר פאר א חתן. וואס איז דער קשר, אז די תורה איז ככלה

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **וואלף שפיערער** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לרגל נישואי בתו למזל טוב

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לברכה והצלחה בכל ענינים

שנמסרה לחתן, בפשטות איז דאך דא עפעס א קשר פון די ביידע. און באמת די תורה ווערט דאך אנגערופן כלה, אזוי זאגט מען (בפיוטי מוסף לשבועות), תואר כלה מאד נתעלה, בקבלת יום זה עשרת הדברים. און דער פסוק זאגט דא, אז די לוחות פונעם אייבערשטען, די תורה הק׳, האט מען געגעבן פאר משה רבינו, ככלתו, אזוי ווי א כלה וואס איז נמסר לחתן.

**מען** מאכט די ברכה אויף די תורה, ברוך אתה ה׳, אשר נתן לנו תורת אמת, אונז דאנק מיר דעם באשעפער אז ער האט אונז געגעבן די תורה, א לשון עבר. ברוך אתה ה׳ נותן התורה, דער אייבערשטער גיט די תורה. אין די מפרשים שטייט, די תורה וואס אונז האב מיר באקומען פונעם אייבערשטען איז דאך באגרעניצט, חמשה חומשי תורה. אבער די טיפקייט וואס איז דא אין די תורה, דער אייבערשטער גיט אריין שכל אין א תלמיד חכם, אז ער זאל זיך מעמיק זיין אין תורה, עס איז אלו דברים שאין להם שיעור, עס איז שטענדיג דא א פרישע נתינת התורה, וואס דער אייבערשטער גיט אריין פארן מחדש. אזויפיל יארן וואס יודען לערנען תורה, די תורה איז רחבה מני ים, די תורה איז טיף, די תורה איז ברייט. און די חכמים געבן שטענדיג צו, צו די תורה. אין בלאט גמרא וואס ער לערנט, איז ער מחדש נאכאמאל און נאכאמאל. עס איז טאקע אשר נתן לנו תורת אמת, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, אבער עס איז דא א ברכה, ברוך אתה ה׳ נותן התורה, נאכדעם וואס מען האט שוין באקומען די תורה, איז ׳נותן׳, א לשון הוה, מען האלט אין איין צוגעבן צו די תורה.

**די** וועלט זאגט נאך, אז איינער פון די ליטווישע גדולים האט געזאגט, אז ווען מען איז מקדש א אשה, איז דער חלות פון די קידושין נישט איינמאל, איך האב דיך איינמאל מקדש געווען, נאר יעדע מינוט וואס מען וואוינט צוזאמען, איז די קידושין חל נאכאמאל. דער שמועס איז מער נוגע צו פארענטפערן א קשיא אין די גמרא, האט ער אויפגעטון, אז קידושין איז נישט מען איז איינמאל מקדש, נאר די קידושין האט א המשך די גאנצע צייט שפעטער. האט מען אים געפרעגט, אויב דער חלות פון קידושין איז שטענדיג, וואלט מען שטענדיג געדארפט וואונטשן פארן חתן מזל טוב, ווייל עס איז דאך א פרישע קידושין. האט ער געענטפערט, אז דער חלות פונעם ערשטן מזל טוב, גייט אויך ארויף אויף יעדע מינוט נאך די חתונה.

**קומט** אויס אז ככלתו, ככלה שנמסרה לחתן, וואס איז נישט נאר אז ער איז איר איינמאל מקדש, נאר דאס איז א קידושין וואס איז שטענדיג. אזוי איז ויתן אל משה, דער אייבערשטער האט געגעבן די לוחות און די תורה פאר משה רבינו, ככלתו, עס איז נותן התורה, עס איז א שטענדיגע נתינה, וואס מען איז אלץ מחדש אין תורה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פאר רבי שלום אז ער איז זוכה אריינצוגעבן יעצט צוויי ספרי תורות, מקצת שבחו של אדם בפניו, וואס פאר א געוואלדיגער בעל חסד רבי שלום איז. בחורים וואס קומען אריין, און מען דארף ערגעץ עסן און שלאפן, די ערשטע אדרעס איז ביי רבי שלום מיט זיין בני בית, וואס זיי שטעלן צו אלעס וואס עס פעלט אויס. עס איז א ברכה פאר אונז, אז אונז האב מיר אין די קהילה אזא חשוב׳ער יוד ווי רבי שלום. המברך את עמו ישראל, דער אייבערשטער טוט בענטשן יודען, בשלום, ער האט אונז געבענטשט מיט א רבי שלום.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, ער זאל זעהן אסאך שמחות און נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. אונז אלע זאל מיר זיך קענען שטענדיג פרייען מיט די תורה. עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, די חשיבות און די ברכות פון תורה האט דאך נישט קיין שיעור, און עס זאל באגלייטן די פארפאלק, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, א שטוב וואס איז געבויט אויף תורה. און אונז אלע זאל מיר זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, וכמשוש חתן על כלה, ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת סיום מסכתות בישיבתנו הק' אוצר התורה במאנסי

יום ג' פרשת חיי שרה תשפ"ג לפ"ק

**איך** וועל זאגן א פאר ווערטער פאר די חשוב'ע בחורים, וואס האבן געענדיגט צוויי מסכתות, מסכת קידושין און מסכת ראש השנה. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, דאס איז פון די גליקליכסטע טעג אין ענקער לעבן, אז מען איז זוכה אדורכצוגיין א יאר, וואס מען האט זיך געפלאגט, און יגעת ומצאת תאמין (מגילה ו.), עס איז ב"ה תלמודו בידו, מען קומט מיט די צוויי מסכתות וואס מען האט געלערנט. עס איז איינע פון די חשוב'סטע טעג, אז מען איז זוכה דערצו. פאר ענק אליין, פאר ענקערע חשוב'ע עלטערן, וואס פלאגן זיך מגדל זיין די קינדער אויפן דרך התורה, וואס פאר א שמחה דאס איז פאר עלטערן, וואס זיי וויסן אז דאס קינד איז געווען אין ישיבה, און ער האט קונה געווען אין דעם יאר וואס מען האט געלערנט.

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה, ואברהם זקן, אברהם איז אלט געווארן, בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל (בראשית כד-א), און דער באשעפער האט אים געבענטשט מיט אלעם. מען ווייסט אז א זקן איז בא בימים, און א בא בימים איז א זקן. פארוואס איז די תורה מאריך, אברהם איז געווארן א זקן, און ער איז געווען בא בימים.

**מען** ברענגט צו פונעם **זוהר הק'** (ח"א קכט.), בא בימים, יעדער מענטש וואס דער אייבערשטער גיט אים לעבן אויף די וועלט, איז עס מיט א תכלית און א תפקיד, וואס ער האט אויפצוטון אויף דעם עולם. ווען מען רעדט צו בחורים, איז נאר דא איין ציל, לערנען, און דאווענען, און ארבעטן אויף מידות טובות, און זיך פירן ערליך. און יעדן טאג האט זיין תפקיד וואס ער האט היינט אויפצוטון. און עס איז נישט קיין נפקא מינה צו דאס איז אנהייב וואך, צו דאס איז פרייטאג, צו עס איז שבת, צו בין הזמנים. ווען מען איז אין ישיבה, ווען מען איז אינדרויסן פון די ישיבה, יעדן טאג האט זיך זיין תפקיד. ווען מען ווערט עלטער, איז דא אנדערע תפקידים וואס א מענטש האט צו טון אינעם לעבן, אבער מען טאר נישט אדורך לאזן א טאג ליידיג! דער טאג איז אדורכגעגאנגען, ער האט אנגעברענגט צייט. נישט נאר א טאג טאר מען נישט אדורך לאזן, נאר אפילו א שעה, און ווייניגער פון א שעה, יעדע מינוט וואס דער אייבערשטער גיט לעבן, דארף מען עס אויסנוצן פאר עבודת ה'.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אל תשליכנו לעת זקנה (תהלים עא-ט), אמאל איז דא וואס א מענטש ווערט אוועקגעווארפן, די צייט איז אלט, אבער ער איז נישט אלט. ער האט נישט זיינע טעג מיט זיך, ער האט גארנישט וואס מיט-צוברענגען, ווען עס וועט זיין אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו (פסחים נ.). ואברהם זקן, אברהם איז געווען א זקן, בא בימים, ער האט אויסגעפילט יעדן טאג פון זיין לעבן, ער איז אנגעקומען מיט אלע זיינע טעג.

**בחורים** וואס זיצן אין ישיבה און מען לערנט, און ב"ה עס גייט אדורך א יאר, און מען האט אויסגענוצט די טעג, מען איז א 'בא בימים'. עס איז נישט נאר אדורכגעגאנגען א יאר, נאר איך האב יעדן טאג אין די ישיבה אויסגענוצט צו לערנען. די צייטן וואס מען איז נישט געווען אין ישיבה, האב איך אויסגענוצט צו חזר'ן וואס מען לערנט. דאס איז די עיקר חשיבות, אז מען נעמט מיט די טעג מיט זיך.

*

**עס** שטייט אנהייב פון די פרשה, אז שרה איז אלט געווען מאה שנה, ועשרים שנה, ושבע שנים, שני חיי שרה, כולן שוים לטובה, אלע אירע לעבנ'ס טעג זענען געווען איינציג לטובה, יעדן טאג פון איר לעבן האט זי אויסגענוצט פאר עבודת ה'. רש"י זאגט, בת ק' כבת כ', בת כ' כבת ז'. אין הייליגע ספרים שטייט, די יונגע יארן פון א מענטש האבן א געוואלדיגע חשיבות. דער מענטש איז פריש, און ער איז ביי די כוחות, און וואס ער נעמט אויף זיך, קען ער עס אדורכפירן מיטן גאנצן ברען, ווייל אין די יוגענט האט מען א התלהבות, און א ברען, צו יעדע זאך. ווען מען ווערט עלטער, פעלט עס, מען האט שוין נישט דעם שוואונג וואס מען האט אין די יונגע יארן. די עלטערע יארן האט אבער א צווייטע מעלה וואס אין די יוגענט האט מען נישט. ווילאנג מען איז יונג, פעלט נאך פונעם דעת פונעם מענטש. ווען מען ווערט עלטער, כל זמן שמזקינים דעתן ניתוספת

עליהם (קנים ג-ו), בן ארבעים לבינה (אבות ה-כא), א האלבע לעבן פונעם מענטש גייט אדורך בעפאר ער איז צוגעקומען צום ריכטיגן דעת. ביי די פערציג יאר קומט מען ערשט צו, צו די ריכטיגע בינה. עס איז דא מעלות וואס איז דא אין די יוגענט, און עס איז דא מעלות וואס איז דא אין די עלטער. אין די יוגענט האט מען טאקע די מעלות אז וואס מען נעמט אויף זיך, האט מען א גוואלדיגן זריזות, און א ברען, אז מען זאל עס קענען אדורכפירן. אבער מען איז נאך נישט געזעצט אינגאנצען, עס פעלט נאך אינעם דעת פונעם מענטש, וואס מען באקומט ערשט אויף די עלטער. - **ווען דעם איז זייער וויכטיג אין די יונגע יארן צו וויסן דעם אמת, אז מען איז נאך נישט געגנוג רייף אלעס צו פארשטיין. מען דארף פאלגן ווען א מגיד שיעור זאגט עפעס, דער מנהל זאגט עפעס. וויסן, אז זיי פארשטייען בעסער, זיי פארשטייען מער דיין טובה, זיי פארשטייען מער וואס איז וויכטיג פאר דיר. זיך מבטל זיין דעם דעת, און וויסן, איך בין נאך יונג, איך פארשטיי נישט אלעס. ווען מיינע עלטערן זאגן עפעס, דארף מען עס אויפנעמען. ווען א מגיד שיעור זאגט עפעס, זאל מען פאלגן.**

**קומט** אויס אז עס איז דא מעלות פון א בת כ', און מעלות פון א בת ק'. די מעלות פון א בת כ' איז, אז מען האט נאך דעם ברען און חשק. און די מעלות פון א בת ק' איז, כל זמן שמזקינים איז דעתן ניתוספת עליהן. - שרה איז געווען בת ק' כבת כ', און בת כ' כבת ק', זי האט אייביג געהאטביידע מעלות. אין די יונגע יארן האט זי געהאט די מעלות פון די יוגענט, אבער זי איז שוין געווען געזעצט אין די יונגע יארן אזוי ווי א בת ק'. און בת ק' האט זי נישט נאכגעלאזט איר ברען וואס זי האט געהאט אין די יוגענט. די בת ק' איז געווען כבת כ', עס איז געווען כולן שווין לטובה. אזוי דארף א יוד לעבן שטענדיג, וויסן אויסצונוצן יעדע מינוט וואס מען האט, אויף תורה.

*

**מען** ברענגט צו א ווארט פונעם **חידושי הרי"ם**. אז דער מדרש זאגט די וואך (ב"ר נח-ג), אז רבי עקיבא האט גע'דרש'נט, און ער האט געזעהן אז דער עולם דרימלט, מען הערט נישט אויס. ביקש לעוררם, האט ער זיי געוואלט מעורר זיין. האט ער געזאגט, מה ראתה אסתר אז זי האט געקעניגט אויף הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות, אסתר איז געווען די מלכה פון אחשורוש, אחשורוש איז געווען מלך אויף שבע ועשרים ומאה מדינה (אסתר א-א). זאל קומען אסתר וואס זי איז א אייניקל פון שרה, וואס שרה האט געלעבט הונדערט זיבן און צוואנציג יאר, און זי זאל באקומען הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות. מיט דעם האט ער מעורר געווען דעם ציבור. דער פשוט'ער פשט איז, געוועהנליך ווען מען הערט א נייע זאך, און א טשיקאווע זאך, און א אינטערסאנטע זאך, וועקט מען זיך אויף. און רבי עקיבא האט צוזאמגעשטעלט א מעשה פון שרה, אז זי האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און אסתר האט געוועלטיגט אויף הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות, און דאס איז געקומען איינס פאר דאס אנדערע. די אינטערעסאנטקייט האט אויפגעוועקט דעם ציבור, אז מען זאל אויסהערן ווייטער.

**האט** דער הייליגער חידושי הרי"ם געזאגט, עס ליגט דערין אסך טיפערס. שרה האט געדינט דעם אייבערשטען. נישט אייביג באצאלט מען פאר א מענטשביים לעבן, אויף וואס ער האט געטון. דער באשעפער באצאלט עס פאר קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך. שרה האט געדינט דעם אייבערשטען הונדערט זיבען און צוואנציג יאר, האט מען עס באצאלט פאר אסתר, אן אייניקל פון שרה, אז זי האט באקומען הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות.

**ווען** מען מאכט אבער א חשבון, קומט אויס, אז פאר יעדע יאר וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטען, איז אסתר געווארן א מלכה אויף א גאנצע מדינה. א מדינה איז א לאנד. אין א מדינה איז דא הונדערטער שטעט, און עס איז דא דערין טויזענטער גאסן, און צען טויזענטער הייזער, און זי איז געווארן א מלכה אויף אלעם! און דאס איז געווען פאר איין יאר וואס מען האט געדינט דעם אייבערשטען! אז פאר איין יאר עבודת ה' באקומט מען א גאנצע מדינה, קען מען זיך דאך פארשטעלן אז פאר א טאג באקומט מען כאטש א חלק דערפון, פאר א שעה באקומט מען נאך א חלק דערפון. יעדע שעה וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטען, האט זי באקומען דערפאר א הויז, א גאס, א שטאט וכדומה, וואס איז געווען שפעטער פאר אסתר וואס איז געווארן א מלכה דערויף.

**קען** מען זיך פון דעם אראפלערנען די חשיבות פון צייט! וויסן אז פון איין יאר לערנען, איז מען זוכה צו

זיין א מלך אויף א גאנצע מדינה! און עס ווערט צוטיילט איבערן יאר, אויף די טעג און אויף די שעות. קומט אויס אז פאר יעדע שעה וואס מען לערנט, קען מען באקומען גאנצע גאסן, וואס דער אייבערשטער גיט גרויסקייט דערויף.

**רבי** עקיבא האט געוואלט ארויסברענגען, עטץ שלאפטס בשעת מען לערנט, און מען קען דאך אריינכאפן אין די שעה, נאך א שעה לערנען, און עטץ פארשלאפט עס. קוקטס אן אסתר, זי האט זוכה געווען צו הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות, פארוואס, ווייל זי איז אן אייניקל פון שרה וואס האט געדינט דעם אייבערשטען הונדערט זיבן און צוואנציג יאר. מאך יעצט א חשבון אז פאר יעדע שעה וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטען, וואס פאר א שכר זי האט באקומען, וועט עטץ זעהן אז עס איז נישט כדאי צו שלאפן! עס איז כדאי אויסצונוצן די צייט!

**אונז** זעמיר אסאך מאל נישט גענוג מחשיב די צייט וואס אונז האב מיר, וואס מען קען אזויפיל אויפטון אין די צייט וואס מען לערנט, מען שטייגט. און כל שכן ווען מען רעדט פון די יונגע יארן, וואס דאס שטעלט אראפ א בחור אויף זיין גאנץ לעבן שפעטער, ווי חשוב דארף זיין ביי אים יעדע מינוט וואס ער קען אויסנוצן פאר עבודת ה'.

**און** אז מען האלט ביי אזא זמן, מען האט מסיים געווען, מען האט זיך געפלאגט א גאנץ יאר, און מען זעהט ב"ה די פירות, איז עס אן עקסטערע שמחה פאר יעדן איינעם! און מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות.

**עס** זיצן דא שיעור א' און שיעור ב'. שיעור א' האט א מוסטער פאר זיך, זיך אראפצולערנען. זיי לערנען יעצט אויך מסכת קידושין, און מסכת ראש השנה. מען קען זעהן א גאנצע כתה פון פריער, וואס האבן זיך צוגעשטעלט, און מען זעהט ב"ה די פירות ווי זיי זענען אנגעקומען, איז א סימן אז יעדער קען עס מאכן. יעדער קען צוקומען דערצו, אז דעם קומענדיגן יאר זאל ער אויך קענען זיין פון די מצטיינים, וואס זאלן זיך קענען צושטעלן דערצו צו קענען די מסכתא. אז מען האט א ציל אז מען וויל אנקומען, קומט מען אן! מען דארף נאר אויסנוצן די צייט, און נישט מבטל זיין.

**און** צו דעם אלעם זענט עטץ צוגעקומען, אין זכות פון ענקערע משפיעים, רבי יוחנן [האגער] זאל זיין געזונט, מיט זיין גאנצע צוות הישיבה, וואס יעדער איז איבערגעגעבן אריינצולייגן תורה און עבודת ה' אין די תלמידים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן האבן כוחות ווייטער קענען מרחיב זיין די גבולי קדושה. דאס זאל נאר זיין דער אנהייב פון ענקערע סיומים, דער אייבערשטער זאל העלפן, יעדעס יאר וואס מען האט געלערנט זאל מען פילן פאר זיך א חוב, עס קומט סוף יאר, מוז איך קענען אלעס וואס איך האב געלערנט דאס יאר, איבער'חזר'ן, עס זאל זיין תורתו שגורה בפיו. מען האט געענדיגט די מסכתא, איבערגיין דאס נאכאמאל. א מסכתא וואס מען קען, איז זייער גרינג, אין א קורצע צייט, קען מען איבערגיין די גאנצע מסכתא וואס מען האט געלערנט.

**איך** האב געזעהן צוברענגען פונעם **חזון איש**, אז אין א טאג וואס ער האט געהאט יארצייט נאך זיין פאטער, האט מען געפרעגט, צו ער האט געמאכט א סיום. האט רבי **חיים קניבסקי** געזאגט, אז ער האט אים איינמאל געזעהן מאכן א סיום אויף מסכת חולין. צופרי נאכן דאווענען האט ער זיך אראפגעזעצט מיט די גמרא מסכת חולין, און צוויי שעה שפעטער האט ער געענדיגט די גאנצע מסכתא! ער איז איבערגעגאנגען יעדע בלאט גמרא. אז מען קען, קען מען אין צוויי שעה קענען מסכת חולין, וואס האט הונדערט און פערציג בלאט. אז מען קען א מסכתא, קען מען זייער גרינג איבער'חזר'ן. ווילאנג עס איז רגיל על לשונו, מען זאל נישט פארגעסן וואס מען האט געלערנט ביז יעצט. נעמען אויף זיך, אין משך פונעם יאר מאכן צייט איבערצוגיין וואס מען האט געלערנט פאר דעם.

**זאל** דער באשעפער געבן, עטץ זאלטס וואקסן תלמידי חכמים, און ערליכע יודען. ענקערע עלטערן זאלן זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און אונז אלע זאל מיר זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## דבר תורה שנאמר לתלמידי ישיבה קטנה

יום ה' פרשת חיי שרה תשפ"ג לפ"ק

**ואברהם** זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל. ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו, ער האט געהייסן פאר זיין עבד, וואס איז געווען דער עלטסטער אין זיין שטוב, המושל בכל אשר לו (בראשית כד-א), וואס האט געוועלטיגט אויף אלעם וואס אברהם האט געהאט, ער האט אים איבערגעגעבן אלע זיינע פארמעגן, ער איז געווען דער מענידזשע"ר פון אלע פארמעגן פון אברהם אבינו. און ער האט אים באשוואוירן ער זאל אים ברענגען א שידוך פאר יצחק.

**אין** די מפרשים שטייט, המושל בכל אשר לו גייט ארויף אויף אברהם אבינו. אברהם אבינו איז געווען א מושל בכל אשר לו, ער האט געוועלטיגט אויף אלעם וואס געהערט פאר אים. יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט פארשידענע מדות, און דער יצר הרע טוט צורעדן דעם מענטש, ער זאל טון זאכן וואס ער וואלט נישט געוואלט טון. דער יצר הרע לייגט אים אראפ ווי שיין די עבירה איז, און ער פאלט אדורך. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), אקעגן דעם יצר הרע האט דער אייבערשטער באשאפן די תורה. ווען א יוד זיצט און לערנט תורה, טוט די תורה מקדש זיין דעם מענטש, ער זאל נישט נאכגיין נאך דעם וואס דער יצר הרע רעדט אים צו ער זאל טון. א גוי וואס האט נישט קיין תורה, ער קען נישט געוועלטיגן אויף זיך. ווען עס קומט אים א זאך, א תאוה וכדומה, ער האט נישט קיין שליטה. עם הדומה לחמור (נדה יז.), אזוי ווי א בהמה קען זיך נישט קאנטראלירן, קען זיך א גוי אויך נישט קאנטראלירן. נאר יודען וואס לערנען תורה, האבן אין זיך דעם כח אז זיי קענען זיך קאנטראלירן נישט צו טון אלעס וואס עס קומט אים אין מחשבה צו טון. - און דאס איז דער כח פון תורה, די תורה גיט א כח פאר א מענטש, אז ער זאל קענען זיין א מושל אויף זיך. מען קען דיך נישט אוועקציען פון א זאך וואס דו האלסט אז מען דארף נישט טון.

**אין** די משנה (אבות ו-ב) שטייט, די תורה ווערט אנגערופן חרות על הלוחות (שמות לב-טז), אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, עס איז נישט דא קיין בן חורין, נאר דער וואס לערנט תורה. פארוואס איז ער א בן חורין? ער איז א פרייער מענטש? קוקן קוקט אויס פארקערט, ער איז משועבד, ער דארף האלטן די תורה, און ער איז נישט קיין בן חורין. דער גוי איז א בן חורין, ער קען טון וואס ער וויל. און מען זאגט, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה.

**עס** איז נישט אמת, א גוי קען נישט טון וואס ער וויל, ער טוט אלעס וואס דער יצר הרע צווינגט אים צו טון. א יוד קען זיין א מושל אויף זיך. דאס טאר מען נישט טון, טוט ער נישט. און אויף דעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די תורה, וואס די תורה גיט צו דעם מענטש ער זאל קענען געוועלטיגן אויף זיך. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין. איך בין פריי, איך בין א פרייער מענטש, וואס קיינער קען מיך נישט צווינגען, און איבעררעדן צו טון א זאך וואס מען דארף נישט.

**ואברהם** זקן בא בימים, אברהם איז געווען עוסק בתורה, פון דא לערנט די גמרא (יומא כח:) ארויס, אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה. אברהם זקן בא בימים, ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה. ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו, אליעזר איז געווען דער זקן פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו איז געווען המושל בכל אשר לו, ער האט געוועלטיגט אויף אלעם וואס איז נוגע צו אים. ער איז געווען דער מושל. מען האט אים נישט געקענט אראפ פירן פון דעם וועג וואס איז נישט ריכטיג, ער האט געהאט דעם כח, ער איז א בן חורין, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה.

*

**די** זעלבע איז געווען אליעזר, וואס האט זיך געדרייט ביי אברהם אבינו, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים. אליעזר האט אויך געהאט אין זיך די מדה, אז ער האט געקענט זיין א מושל בכל אשר לו, ער האט געקענט געוועלטיגן אויף זיך.

**רש"י** ברענגט צו, אז אליעזר האט געהאט א טאכטער, און מען האט אים אנגעטראגן דעם שידוך יצחק, און ער האט געוואלט דעם שידוך. אולי לא תלך האשה אחרי (בראשית כד-לט), אלי כתיב, אפשר

וועט זי נישט וועלן גיין, איך האב א אינטערעסע אז זי זאל נישט גיין, ווייל אזוי וועט אברהם אבינו זיך משדך זיין מיט מיר. און אברהם האט אים געזאגט, מיר זענען נישט קיין פאר, דו ביסט ארור איך בין ברוך, אין ארור מתדבק בברוך, אונז גיי מיר נישט צוזאמען. אבער על כל פנים אליעזר האט געוואלט דעם שידוך פון יצחק.

**צו** פארשטיין וואס עס מיינט פאר אליעזר, א שידוך ווי יצחק. א יצחק איז נאר דא איינס אויף דער וועלט! עס איז נישט געווען דעמאלטס נאך אזא שטוב ווי אברהם אבינו, און אזא מחותן ווי אברהם אבינו. עס איז נישט דא נאך אזא הייליגער יוד ווי יצחק, וואס האט זיך מוסר נפש געווען ביי די עקידה. און אליעזר איז געווען דער גרעסטער תלמיד פון אברהם אבינו, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר (בראשית טו-ב), ווער נאך אזוי ווי אליעזר האט פארשטאנען וואס דאס מיינט צו טון א שידוך מיט אברהם, און נעמען אן איידעם יצחק. די נגיעה וואס ער האט געהאט צו נעמען יצחק, איז געווען א אויסערגעוועונליכע נגיעה, ווייל אזא שידוך איז נישט געווען מצוי אין די גאנצע וועלט וואס זאל זיין דוגמתו. האט ער דאך געהאט א געוואלדיגע נגיעה אז דער שידוך זאל ווערן. ווען א מענטש האט א נגיעה אויף געלט, ווייסט מען אז א מענטש פארלירט זיך. מען קומט און מען זאגט אים, דו קענסט באקומען דא א מיליאן דאלער, וועט ער טון אלע השתדלות דאס צו באקומען, ער וועט זוכן וועגן ווי אזוי ער זאל קענען צוקומען דערצו. אבער עס איבערגעבן פאר א צווייטן, אז א צווייטער זאל עס נעמען פאר זיך, וואלט ער זיכער נישט געטון.

**אברהם** אבינו האט געדארפט א שידוך פאר יצחק, און ווער וויל טון דעם שידוך, אליעזר. און אברהם זאגט ניין, אליעזר איך טוה נישט מיט דיר דעם שידוך. און ער נעמט אליעזר, דו גיי פיר מיר אויס א צווייטן שידוך! דו גיי צו בתואל אין שטוב, און ברענג מיר אהיים פון דארט רבקה. ווי אזוי האט דאס אברהם געטון. קיינער וואלט נישט איבערגעגעבן א שליחות פאר א שדכן וואס וויל נישט אז דער שידוך זאל געשעהן, אלי כתיב. ער וויל נישט אז דער שידוך זאל געשעהן, און ער מאכט אים דעם שליח, גיי און פיר עס אויס. ווי אזוי האט אברהם געטרויט אליעזר אז ער זאל עס טון.

**אבער** אליעזר איז געווען זקן ביתו, ער האט געלערנט אין שטוב פון אברהם אבינו, און ער האט זיך אפגעלערנט אז א מענטש דארף זיין א מושל אויף זיך, ער דארף קענען געוועלטיגן. דו קענסט האבן נגיעות, אבער טאמער די זאך איז נישט אויסגעהאלטן, איז נישט דא א זאך וואס דו קענסט טון, און דו דארפסט טון דערקעגן! אברהם אבינו איז געווען אזוי זיכער, אז אליעזר וועט אויספירן דעם שליחות ווי עס דארף צו זיין, כאטש ער האט א נגיעה אז דער שידוך מיט בתואל זאל נישט ווערן, ווייל אפשר דעמאלטס וועט זיך אברהם משדך זיין מיט זיין טאכטער. פון דעסטוועגן דאך האט ער אים איבערגעגעבן דעם שליחות, ווייל ער האט געקענט אליעזר, אליעזר איז א מושל בכל אשר לו, ער קען זיך קאנטראלירן, ער קען זיין א מושל, ער וועט זיך נישט אוועקרירן פון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון. וועגן דעם האט ער זיך געטרויט צו געבן דעם שליחות פאר אליעזר.

**וואס** דער מוסר השכל דערפון איז, אז **א מענטש דארף זיין א מושל אויף זיך. נישט לאזן זיך איבעררעדן פונעם יצר הרע. יעדער יוד וויל זיין גוט, און מען וויל טון גוטס, דאס איז דער עצם פון א יוד. אבער נישט אייביג קען ער זיין א מושל אויף זיך. עס קומט א שוואכע מינוט, דער יצר הרע רעדט אים צו, פאלט ער אדורך. און דאס איז די עבודה פון א יוד, דאס איז דער כח פון תורה, אז מען זיצט און מען לערנט, איז תורה מזכך דעם מענטש.** אברהם זקן בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל, און ער איז געווען א מושל בכל אשר לו. אליעזר איז געווען זקן ביתו, ער האט געלערנט אין שטוב פון אברהם אבינו, איז ער צוגעקומען צו די מדה אז ער האט געקענט זיין א מושל אויף זיך, אז מען האט אים נישט געקענט אוועקרירן, אפילו ווען ער האט געהאט די גרעסטע נגיעה אז דער שידוך זאל נישט געשעהן. און אברהם אבינו האט זיך געטרויט און געשיקט אליעזר ער זאל אויספירן דעם שליחות, און ער האט אויסגעפירט דעם שליחות בשלימות. עס שטייט אין מדרש (ב"ר ס-ז), אז ביז דעמאלטס איז ער געווען א ארור, און ווען ער איז אהיימגעקומען, איז ער ארויסגעגאנגען מכלל ארור לכלל ברוך. אזוי האט אים לבן געזאגט, בא ברוך ה' (בראשית כד-לא). **ווען א מענטש קאנטראלירט זיך, און ער איז א מושל בכל אשר לו, דערלייגט ער נישט! ער האט טאקע פארלוירן דעם**

**שידוך, אבער ער איז ארויסגעגאנגען פון א ארור צו א ברוך. ער וואלט געקענט האבן דעם שידוך, און בלייבן אן ארור. און אזוי האט ער נישט געהאט דעם שידוך, איז ער געווארן א ברוך.** דאס איז די מדה וואס די תורה לערנט אונז, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

## בסעודה שלישית

פרשת חיי שרה תשפ"ג לפ"ק

**וירץ** לבן אל האיש, לבן איז געלאפן אקעגן אליעזר, החוצה אל העין (בראשית כד-כט). רש"י פרעגט, למה רץ ועל מה רץ. אלא ויהי כראות הנזם, ער האט געזעהן ער קומט מיט געלט, אמר עשיר הוא זה, ער איז אן עושר, ונתן עיניו בממון.

**די** גמרא (ברכות מג:) זאגט, ווען א מענטש גייט א פסיעה גסה, נעמט עס אוועק א פינעף הונדערט'סטל חלק פון די זעה קראפט פון די אויגן. ומהדר ליה בקידושא דבי שמשי, פרייטאג צו נאכטס ביי קידוש, קען מען צוריק באקומען מאור עיניו. די סגולה פון קידוש ברענגט צוריק מאור עיניו.

**עס** איז דא צוויי דיעות וואס דער פשט דערפון איז. רש"י לערנט, אז דאס טרינקען פון די ווין, דאס ברענגט צוריק מאור עיניו. אנדערע ראשונים לערנען, אז מען זאל ארויפלייגן פון די ווין אויף די אויגן. אזוי ווייט, אז דער **טור** (או"ח סימן רסט) שטעלט זיך אויף די מנהג וואס איז געווען אינדערהיים, אז מען האט געזאגט קידוש אין שול נאכן דאווענען, און עס איז א גאנצע שאלה וועגן אין קידוש אלא במקום סעודה (פסחים קא.), פארוואס האט מען מקדש געווען אין די שול. איין טעם איז וועגן די אורחים וואס האבן נישט געהאט וואו צו עסן, זיי האבן געגעסן אינדרויסן. רבי נטרונאי זאגט, אז נישט יעדער האט געהאט ווין אינדערהיים, וואס ער זאל קענען מאכן אויף דעם קידוש, עס איז געווען וואס האבן געמאכט קידוש אויף פת, האט זיי געפעלט די רפואה פארן אויג, וואס מען זאל קענען האבן פון קידושא דבי שמשי, האט מען איינגעפירט אז מען זאל מאכן קידוש אין שוהל. און מען פלעגט צו געבן פון די קידוש פאר יעדן איינעם, אז דער וואס דארף האבן א רפואה אויף די אויג, זאל עס קענען צוריק באקומען מיט די קידושא דבי שמשי.

**נאכדעם** שטייט דארט אין **באר היטב** (סק"ד), אז עס שטייט אין **כל בו** (סימן לה), אז דארט ווי מען מאכט קידוש אין די שוהל, זאל מען שטיין בשעת מען זאגט קידוש, און עס איז א רפואה פאר די מידקייט פון די פיס. די פיס זאל נישט זיין מיד אינמיטן די וואך, איז א רפואה אז מען זאל שטיין ביי קידוש וואס מען מאכט אין די שוהל. - על כל פנים, א פסיעה גסה איז נוטלת אחד מחמש מאות פון מאור עיניו של אדם, און מען קען עס צוריק באקומען בשעת מען איז מקדש דעם שבת.

*

**עס** איז דא א ווארט פונעם **פלאצקער גאון**, דער **קומץ המנחה**, מען געפונט ווען די שבטים זענען געקומען צו יוסף, און ער האט זיי מגלה געווען אז ער איז יוסף. ווען זיי זענען אהיימגעגאנגען, האט ער זיי געזאגט, אל תרגזו בדרך (בראשית מה-כב). און איין פשט איז, אל תפסיעו פסיעה גסה, עטץ זאלטס נישט גיין קיין פסיעה גסה. פארוואס האט ער זיי יעצט אנגעזאגט אל תפסיעו פסיעה גסה. עס איז דאך שוין געווען דאס צווייטע מאל וואס זיי זענען אהיימגעגאנגען. דאס ערשטע מאל ווען מען איז אהיימגעגאנגען האט ער נישט געזאגט, אל תפסיעו פסיעה גסה. פארוואס דאס צווייטע מאל האט ער געזאגט, עטץ זאלטס נישט גיין קיין פסיעה גסה.

**זאגט** ער זייער שיין. געוועינליך א יוד גייט נישט קיין פסיעה גסה, ער וויל נישט פארלירן די קראפט פונעם אויג. א יוד דארף האבן אויגן ער זאל קענען לערנען און דאווענען טון מצוות ומעשים טובים, ער גייט נישט קיין פסיעה גסה. נאר וואס דען, אז מען האט אן עצה, מען וועט עס צוריק באקומען ביי קידושא דבי שמשי, יעדער יוד מאכט דאך קידוש, אפילו איך וועל עס פארלירן, וועל איך עס צוריק באקומען שפעטער. די גמרא (שבת קלט.) זאגט, אז די

שבטים האבן נישט געטרינקען קיין ווין, פון ווען זיי האבן זיך געשיידט פון יוסף. נאר יעצט איז געווען וישתו וישכרו עמו (בראשית מג-לד), יעצט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זיי האבן געטרינקען ווין. קומט אויס, אז די שבטים האבן נישט געטרינקען קיין ווין, האט מען זיי נישט געדארפט אנזאגן אל תפסיעו פסיעה גסה, ווייל זיי וועלן ממילא נישט גיין קיין פסיעה גסה, ווייל זיי האבן נישט די רפואה, אז מען זאל עס קענען צוריק באקומען. זיי האבן טאקע געמאכט קידוש יעדן שבת, אבער נאר אויף פת, אבער נישט אויף ווין. יעצט אז עס איז געווען וישתו וישכרו עמו, האט ער דאך געזעהן אז זיי טרינקען ווין, און אז זיי טרינקען ווין קענען זיי דאך גיין א פסיעה גסה, ווייל זיי האבן שוין די עצה פון קידוש, האט ער געזאגט, אל תפסיעו פסיעה גסה, מען זאל נישט גיין קיין פסיעה גסה. - על כל פנים, פסיעה גסה נעמט אוועק אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, ומהדר ליה בקידושא דבי שמשי.

*

**איז** דאך ממילא א יוד לויפט נישט, ווייל ער וויל נישט פארלירן די אחד מחמש מאות פון מאור עיניו. פון דעסטוועגן דאך זאגט די גמרא (ברכות ו:), ווען עס קומט צו א דבר מצוה, דארף א יוד לויפן. מצוה למירהט לבית הכנסת, עס איז א מצוה צו לויפן פאר א דבר מצוה, שנאמר (הושע ו-ג) ונדעה נרדפה לדעת את ה', מען דארף גיין שנעל בשעת מען גייט טון א מצוה. מען דארף זיך נישט צוריקהאלטן און גיין א קליינע פסיעה, מען דארף גיין א פסיעה גסה. די גמרא (שבת קיג:) זאגט, אז שבת איז דאך נאך הארבער, שלא יהא הילוכך בשבת כהילוכך בחול, שבת איז דא א איסור אז מען טאר נישט גיין קיין פסיעה גסה. פארציילט די גמרא, אז רבי זירא האט געזעהן אז מען פלעגט צו לויפן אין בית המדרש, האט ער געהאלטן אז זיי זענען מחלל שבת, שלא יהא הילוכך בשבת כהילוכך בחול. אבער ווען ער האט געהערט די מימרא אז מען דארף לויפן פאר א דבר מצוה, האט ער פארשטאנען אז פאר א דבר מצוה קען מען לויפן. אפילו שבת וואס איז דא א איסור צו לויפן א פסיעה גסה, קען מען לויפן צו א דבר מצוה.

**די** גמרא זאגט, אגרא דפרקא רהטא. זאגט רש"י, עס איז געווען אזעלכע וואס האבן נישט פארשטאנען די טיפקייט פון די דרשה, און פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געקומען הערן די דרשה, האבן זיי באקומען שכר רהטא, אויף דעם וואס זיי זענען געלאפן פון די שטוב אנצוקומען צו די דרשה. די שכר וואס מען האט זיי באצאלט איז געווען אויף דעם וואס זיי זענען געלאפן צו די פרקא. - קומט דאך אויס, אז וואס עס איז נוגע פאר א דבר מצוה, קען מען לויפן.

**אליעזר** איז דאך געגאנגען פאר א דבר מצוה, ער איז געגאנגען כדי צו ברענגען א שידוך פאר יצחק. פאלגן אברהם אבינו פאר זיך אליין איז א מצוה, און אויספירן דעם שידוך פאר יצחק איז דאך אוודאי א דבר מצוה. האט ער דאך געקענט לויפן. אליעזר האט געהאט נאך א סיבה פארוואס ער איז געלאפן. ווייל רש"י (בראשית כד-לט) זאגט, אז אליעזר אליין האט געהאט א טאכטער, און ער האט געזיכט א עילה, א וועג, ווי אזוי ער זאל זיך קענען משדך זיין מיט אברהם. אזא איידעם ווי יצחק איז נישט דא נאך איינס אין די וועלט. און ער איז א דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ער האט געהאלטן אז עס איז זייער א פאסיגער שידוך פאר זיין טאכטער. ער זאל א מחותן ווערן מיט זיין רבי, מיט אברהם, און יצחק וועט ווערן זיין איידעם, ער האט זיך געוואלט משדך זיין. און אברהם אבינו האט עס אפגעשטופט, אין ארור מתדבק בברוך (ב"ר נט-ט), ער איז אן עבד, אן עבד איז ארור, ער קען זיך נישט משדך זיין צוזאמען. אבער אז עס וועט זיך נישט מאכן קיין אנדערער שידוך, האט אליעזר געטראכט, מעגליך אז אברהם אבינו וועט צוריק קומען צו דעם שידוך מיט אים. סוף כל סוף, אזא מחותן ווי אליעזר איז אויך נישט געווען קיין סאך אויף דער וועלט דעמאלטס, א דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר (בראשית טו-ב), אברהם אבינו האט זיך אויפגעטון מיט אליעזר. איז קען זיין, אז עס וועט זיך נישט מאכן עפעס אנדערש, וועט ער סוף כל סוף מסכים זיין צו דעם שידוך מיט אליעזר.

**האט** דאך אליעזר געהאט א געוואלדיגען נסיון, א געוואלדיגע נגיעה נישט אויסצופירן דעם שידוך וואס אברהם אבינו האט אים יעצט געשיקט, גיי אוועק אויף ארם נהרים, און גיי זיך א שידוך פון מיין משפחה. א נגיעה וואס א מענטש האט, קען דאך אים פארפירן, אז ער זאל טון זאכן וואס מען דארף נישט צו טון. בפרט ביי שידוכים וכדומה, קען ער דאך טון א זאך וואס ער וועט האלטן אז ער קען

קאליע מאכן דעם שידוך ביי בתואל אין שטוב, כדי עס זאל ווערן זיין שידוך. - און אברהם אבינו האט אים געטרויט, און ער האט אים איבערגעגעבן דעם שליחות. ווייל אליעזר איז געווען א מושל בכל אשר לו (בראשית כד-ב). נישט נאר ער האט געוועלטיגט אויף די געלט זאכן וואס איז געווען, נאר ער איז אויך געווען א מושל אויף זיך. א מענטש וואס איז א מושל אויף זיך, שטערט אים נישט די נגיעות. ווען א מענטש איז איבערגעגעבן תחת יצרו, איז יעדע זאך וואס קומט אים אונטער, ווי אזוי עס קומט אים אויס בעסער, אזוי טוט ער. אבער ווען א מענטש איז א מושל אויף זיך, טוט ער נאר וואס דער אייבערשטער האט געהייסן טון, און עפעס אנדערש טוט ער נישט. האט אים אברהם אבינו איבערגעגעבן די שליחות. אבער אליעזר פאר זיך, האט געהאט א געוואלדיגן נסיון די גאנצע צייט. פון ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט פון שטוב, איך דארף אויספירן דא א שליחות וואס איז אקעגן מיינע אינטערעסן, מיינע אינטערעסן איז דער שידוך זאל נישט ווערן, און איך דארף דא גיין אויספירן און ברענגען א שידוך פאר יצחק. ער איז טאקע געווען א מושל בכל אשר לו, אבער אל תאמין בעצמך עד יום מותך (אבות ב-ד), עס איז געווען א געוואלדיגער נסיון פאר אליעזר, ער האט דא א שידוך מיט יצחק, און ער דארף יעצט טון א פעולה אקעגן זיינע אינטערעסן.

**האט** אליעזר געבעטן פונעם אייבערשטען, איך וויל פון די זאך וואס שנעלער פטור ווערן, איך וויל די זאך ווי שנעלער ערלעדיגן, כדי איך זאל נישט נכשל ווערן אין מיין נגיעה. עס איז דאך דא סיבות וואס קענען זיך מאכן אז איך וועל זיך טוישן, יעצט בין איך ערליך און געטריי. ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, האט ער געבעטן איך וויל האבן קפיצת הדרך, איך וויל נישט ווארטן זיבעצן טאג, איך וויל נאך היינט אנקומען דארט, איך זאל עס קענען מסדר זיין. ווען ער איז אנגעקומען צום עין המים, האט ער געבעטן הקרה נא לפני 'היום' (בראשית כד-יב), איך וויל נישט ווארטן ביז דער שידוך וועט ווערן. אין די צייט וועל איך דאך האבן נגיעות, און איך קען זיך נאך דרייען ביי בתואל אין שטוב, און זאגן עס איז נישט אזא גוטער שידוך. מען האט געבעטן פון אים ער זאל זיצן דארט ימים או עשור (בראשית כד-נה), און ער האט געזאגט, וה' הצליח דרכי, איך וויל גיין תיכף. ער האט געהאט כמה דרכים, ווי א שדכן קען פארדרייען א שידוך אז עס זאל נישט ווערן. און עס איז געווען ביי אים א געוואלדיגער נסיון, ער האט געבעטן פונעם אייבערשטען, נעם מיך ארויס פון דעם נסיון, איך וויל די זאך אפענדיגן ווי פריער, כדי איך זאל נישט האבן קיין נגיעות קאליע צו מאכן וואס אברהם אבינו האט מיך געשיקט. ער האט מתפלל געווען, ער זאל האבן קפיצות הארץ, און דער אייבערשטער האט אים אהין געטראגן אין דעם זעלבן טאג, און ווען ער איז אנגעקומען אהין האט ער געבעטן הקרה נא לפני 'היום', איך וויל די זאך מסדר זיין נאך היינט. יעצט בין איך ערליך, אפשר מארגן וועל איך שוין נישט זיין אין די מדריגה.

**ממילא** איז נישט קיין קשיא פארוואס די גאנצע וועג איז געווען מיט קפיצת הארץ, און פארוואס ער איז געלאפן אל הנערה (בראשית כד-יז). ער האט אלעס געוואלט מאכן שנעל. ווי פריער די זאך וועט זיך ענדיגן, גיי איך ארויס פון מיינע נגיעות וואס איך האב, אז איך זאל נישט מזלזל זיין שפעטער אין מיין שליחות. איז נישט קיין קשיא אויף אליעזר פארוואס ער איז געלאפן.

*

**פארוואס** רבקה איז געלאפן, איז אוודאי נישט קיין קשיא. עס שטייט דא א מענטש וואס איז דארשטיג און ער דארף טרינקען, עס איז מעגליך פיקוח נפש, ער וועט אויסגיין ביז דעמאלטס. ווען איינער קומט בעטן א חסד, דארף מען טון תיכף. די גמרא (תענית כא.) פארציילט אויף נחום איש גם זו, אז ער איז ל"ע געווען בלינד אויףביידע אויגן, און עס האט אים געפעלט די צוויי הענט, און עס האט אים געפעלט די צוויי פיס, און זיין גאנצער גוף איז געווען מוכה שחין. און די תלמידים האבן אים געפרעגט, וואס איז דאס, פארוואס זעהסטו אזוי אויס? האט ער געזאגט, אז ער איז אמאל געגאנגען צו זיין שווער, און ער האט געהאט חמורים וואס זענען געווען אנגעלאדענט מיט עסן, און א עני איז צוגעקומען און ער האט געבעטן פון אים ער זאל אים געבן צו עסן, האט ער אים געזאגט, ווארט צו א פאר מינוט ביז איך וועל מסדר זיין דא דעם חמור, און ביז ער האט מסדר געווען, איז יענער אויסגעגאנגען פון הונגער. זאגט די גמרא, אז דער נחום איש גם זו האט זיך ארויפגעלייגט אויף דעם נפטר, און ער האט געזאגט, מיינע אויגן וואס האבן נישט רחמנות געהאט אויף דיר, זאלן מיינע אויגן בלינד ווערן.

מיינע הענט וואס האבן נישט געטון וואס זיי האבן געדארפט צו טון, זאלן די הענט אראפפאלן. די פיס זאלן אראפפאלן. ולא נתקררה דעתי, ער האט זיך נאך אלץ נישט בארוהיגט מיט דעם עונש וואס ער האט גענומען אויף זיך, ביז ער האט געבעטן, ער וויל ווערן מלא שחין. האט מען אזוי אויסגעפירט פון הימל, מען האט אים געטון זיין רצון, און עס איז אזוי געווארן. - ווייל חסד דארף מען טון תיכף! מען לאזט עס נישט אוועק אויף שפעטער.

**די** גמרא פארציילט, אז די תלמידים האבן אים געזאגט, אוי ווי פאר אונז, אז אונז זעה מיר דיך אין אזא מצב. האט ער געזאגט, ווי וואלט געווען ווען עטץ זעהטס מיך נישט אין אזא מצב. ער האט געהאלטן אז ער קומט דא אפ אויף די וועלט, וואס ער האט געטון א זאך וואס איז נישט גוט.

**אליעזר** איז געלאפן ווייל ער האט געהאט א נגיעה, כדי ער זאל קענען ענדיגן זיינע נסיונות ווי פריער. רבקה איז געלאפן ווייל ווען מען בעהט צו עסן, דארף מען דאך געבן צו עסן, מען דארף זיך איילען. ממילא איז נישט קיין קשיא נישט אויף אליעזר, נישט אויף רבקה, פארוואס זיי זענען געלאפן.

*

**אבער** פארוואס איז לבן געלאפן. ער איז נישט דער מכניס אורח וואס ער וויל געבן צו עסן. ער לויפט נישט פאר א דבר מצוה, צוצואיילן דעם שידוך. למה רץ ועל מה רץ, פארוואס איז ער געלאפן? אויף דעם זאגט מען, ער האט נישט קיין אנדערן תירוץ פארוואס ער איז געלאפן, נאר נתן עיניו בממון, ער האט געגעבן די אויגן פאר געלט. עס איז דא געלט, א גוי ווערט פארבלענדעט.

**מען** האט געפרעגט צוויי קשיות, מען האט געפרעגט למה רץ, ועל מה רץ. על מה רץ איז דער טייטש, וואס איז די סיבה אז דו לויפסט. וואס האסטו צו טון אז דו ביסט געלאפן ביי די עין המים, איך בין נישט געקומען צו דיר. נאכדעם פרעגט מען למה רץ, דו קענסט דאך גיין שטאט אויך, פארוואס לויפסטו. די שאלה איז געווען צוויי שאלות, און מען ענטפערט דערויף איין תירוץ. ווען עס איז נתן עיניו בממון, ער איז געגאנגען ווייל דארט איז דא געלט, פרעגט מען שוין נישט קיין קשיא פארוואס ער איז געלאפן, ווייל אז עס איז דא געלט, לויפט מען, מען פארלירט זיך אינגאנצען. למה רץ, ועל מה רץ, נתן עיניו בממון.

**די** וועלט טייטשט, אז די גמרא (ברכות מג:) זאגט, ווען א מענטש גייט א פסיעה גסה, נעמט עס אוועק א פינעף הונדערט'סטל חלק פון די זעה קראפט פון די אויגן. וועגן דעם זאל מען נישט גיין קיין פסיעה גסה, מען זאל נישט לויפן. למה רץ ועל מה רץ, פארוואס איז ער געלאפן, ער גייט דאך פארלירן די זעהן פון די אויגן, אבער נתן עיניו, ער גיט אוועק זיינע אויגן, בממון, אז מען קען פארדינען געלט. אפילו ער וועט פארלירן דורכדעם די מאור עיניו, נתן עיניו, ער גיט אוועק די אויגן, בממון, פארן געלט.

**עס** מוז דאך אבער האבן א תירוץ. אליעזר איז געלאפן, ווייל ער האט געוואלט ארויסגיין פון זיינע נגיעות וואס ער האט געהאט, וועגן דעם האט ער געבעטן ער זאל עס טון ווי פריער. אליעזר האט זיך גע'חזר'ט די גאנצע צייט, אן עבד האט נישט קיין שום בעלות פאר זיך, ער קען נישט קויפן, ער קען נישט אוועקגעבן קיין מתנה, ער קען נישט מקבל זיין קיין מתנה, ער איז א שטיק פונעם אדון, יד עבד כיד רבו (גיטין עז:). אליעזר האט זיך די גאנצע צייט גע'חזר'ט, אז איך בין א עבד פון אברהם, און איך קען נישט טון עפעס אנדערש, נאר וואס אברהם האט פארלאנגט פון מיר. און דאס האט אים געגעבן דעם חיזוק, ער זאל קענען אויספירן זיין שליחות, און ער זאל נישט נאכגיין נאך זיינע נגיעות.

**ער** קומט אן אין שטוב, און ער דארף רעדן וועגן דעם שידוך, איך קען דאך יעצט אראפלייגן דעם שידוך אויף א וועג עס זאל יא ווערן, און איך קען אויך אראפלייגן דעם שידוך אז עס זאל אוועקגיין דער אפעטיט. וואס פאר א צדיק דער יצחק איז, ער איז אויסגעטון פון די וועלט וכדומה. האט ער אנגעהויבן, עבד אברהם אנכי, איך בין אן עבד, איך האב נישט קיין בעלות פאר מיר, איך בין נישט קיין מענטש פאר מיר אליין. יד עבד כיד רבו, וואס אברהם האט מיר געהייסן טון, דאס גיי איך טון. - און דאס האט אים געגעבן דעם חיזוק, האט ער נאכדעם אנגעהויבן אראפצולייגן און אויספירן דעם שידוך פון יצחק.

*

**על** דרך המוסר קען זיין. פסיעה גסה איז נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, און מען

באקומט עס צוריק בקידושא דבי שמשי, שבת ביי קידוש. - ווען איך בין געווען א יונגל, און איך בין געווען אין חדר, האב איך געהאט א רבי וואס האט געהייסן רבי אהרן פאללאק ז"ל, ער איז געווען א סופר, א אדם חשוב מאד. איך האב געלערנט ביי אים, ווען איך בין געווען ממש א קינד, אסאך יארן פאר מיין בר מצוה. געדענק איך, אז ער האט אמאל געזאגט, אז **א חסידישער יוד אינדערהיים, פלעגט זיך קיינמאל נישט צו איילן, אלעס איז געווען ביי אים געלאסן.** ווייל וואס האט ער צו לויפן, ער איז שטענדיג עוסק אין א מצוה, ער איז מקיים בכל דרכיך דעהו (משלי ג-ו), אלעס וואס ער טוט, טוט ער לשם שמים. וואס האב איך צו לויפן פון איין מצוה צו די אנדערע מצוה. איך בין דאך יעצט אויך מקיים א מצוה, איך בין מקיים בכל דרכיך דעהו. מען פלעגט זיך נישט צו יאגן פון איין זאך צו די צווייטע. כל שכן ווען עס איז געקומען צו א דבר הרשות, האט ער זיך אוודאי נישט געיאגט, אלעס איז דאך מן השמים, וואס האב איך זיך צו יאגן. אז עס איז באשערט, וועט עס זיין, און אז עס איז נישט באשערט, וועט עס נישט זיין. - עס ליגט מיר נאך אין קאפ זייט דעמאלטס, דאס ווארט וואס איך האב געהערט.

**און** דער ביאור דערפון איז, ווען א יוד גלייבט אז אלעס איז מן השמים, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס 'ער' טוט, עס איז נישט דא קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל (דברים ח-יז), 'ער' מאכט שידוכים, 'ער' מאכט זיין פרנסה, 'ער' האט אלעס וואס ער האט, ער ווייסט אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן! מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה עד ראש השנה (ביצה טז.), יעדן ראש השנה ווערט אנגעשריבן פאר א מענטש, וואס ער גייט האבן דעם יאר. אדם נידון בכל יום (ראש השנה טז.), יעדן טאג מען ווערט נידון אנהייב פון דעם טאג, ווי אזוי דער טאג זאל אדורכגיין אויפן מענטש. ווען עס קומט צו שידוכים, עס איז שוין אפגע'פסק'נט פון הימל, וועלכער שידוך עס זאל זיין. ארבעים יום קודם יצירת הולד, האט מען שוין אויסגערופן בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), אלעס וואס א מענטש גייט אדורך אינעם לעבן, איז שוין דא אפגעשריבן פאר דעם. ווי מען זאגט אויף ענגליש, עס איז אפגעשריבן א בל"ו-פרינ"ט פון דעם גאנצן יאר וואס עס דארף אדורכגיין אויף דעם מענטש, און ווי אזוי עס וועט זיין. און אויף דעם זאגט די גמרא (יומא לח.), אין אדם נוגע במוכן לחבירו, אז עס איז צוגעגרייט פאר דיר, קען קיינער

נישט צורירן דערצו. בשמך יקראוך ובמקומך יושיבוך, מען וועט דיך רופן אויף די זאך וואס דו דארפסט אנקומען, מען וועט דיך זעצן דארט וואו דו דארפסט זיצן, אלעס איז מן השמים צוגעצייכענט פאר א מענטש וואס ער דארף האבן.

**נאר א מענטש דארף מאכן השתדלות. מען קען נישט זאגן איך וועל זיצן אין שטוב, און עס וועט קומען. ער דארף מאכן השתדלות. אבער די השתדלות איז די 'מינימום' וואס ער דארף צו טון כדי די זאך זאל קענען געשעהן. ער קען נישט בלייבן זיצן ביי זיך אין בית המדרש, און עס וועט שוין קומען פרנסה, ער מוז ארויסגיין טון. אבער זיך יאגן, און לויפן פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, און אז נישט וועל איך פארלירן דעם געשעפט וכדומה, ווען א מענטש גלייבט אז אלעס איז שוין אנגעשריבן מן השמים, און אז עס דארף צו זיין, וועסטו עס באקומען, און אויב עס דארף נישט צו זיין, וועסטו עס ממילא נישט האבן. איז נישט דא וואס זיך צו יאגן און לויפן פון איין פלאץ, און זיין נערוועז צו די זאך וועט ווערן מסודר, צו נישט. אין אדם נוגע במוכן לחבירו, אלעס איז שוין צוגעגרייט פאר דיר.** - עס זאגט זיך זייער גרינג, אבער עס איז א גרויסע עבודה אז מען זאל קענען צוקומען דערצו, און לעבן מיט דעם, אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן, און מען דארף זיך אויף גארנישט יאגן, אלעס וועט אנקומען אין זיין צייט.

**א** מענטש לויפט אוועק פון בית המדרש, ער דארף לויפן פאר פרנסה. מען זאגט נאך פון א צדיק, ער האט אמאל געזעהן א יוד ארויסלויפן פון בית המדרש, האט ער אים געפרעגט, וואו לויפסטו? זאגט ער, איך לויף פאר מיין פרנסה. זאגט ער אים, דו לויפסט אויף יענע זייט, אפשר ליגט דיין פרנסה אויף די זייט, און דו אנטלויפסט דערפון. אז עס איז צוגעשריבן דיין פרנסה וואו עס דארף צו זיין, דארפסט נישט לויפן, דו וועסט אנקומען. דו מוזט טאקע מאכן דיין השתדלות, דו טארסט נישט טון א זאך וואס איז היפוך פון וואס עס קען דיר ברענגען, אבער אלעס איז מן השמים.

**ווען** א יוד ווייסט דאס, און זיינע אויגן זענען שטענדיג געוואנדן צום אייבערשטען, עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעתו (תהלים קמה-טו), מיינע אויגן זענען געוואנדן צום באשעפער, דו געבסט צו

עסן, דו געבסט די פרנסה, אלעס קומט פונעם רבונו של עולם, דער גייט נישט קיין פסיעה גסה, ער יאגט זיך נישט. ער קען גיין שטאט רואיג, ער וועט ממילא באקומען וואס ער דארף צו האבן. אז עס איז מיר אנגעשריבן, וועל איך עס ממילא באקומען.

**און** אז מען גייט יא א פסיעה גסה, איז דאך דער טייטש, עס פעלט אים אין זיין בליק פונעם אויג, צו גלייבן דעם עיני כל אליך ישברו, ער ווארפט נישט זיינע אויגן אויפן אייבערשטען, אז דער באשעפער גיט אים אלעס וואס ער דארף צו האבן, נאר ער טוט. אויב ער וועט טון אזוי, וועט ער מצליח זיין, און אויב ער וועט נישט טון אזוי, וועט ער נישט מצליח זיין. ווען א מענטש יאגט זיך, און ער איז נישט רואיג, ער לויפט כדי ער זאל קענען האבן וואס ער דארף צו האבן, דאס איז נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, דאס איז א סימן אז עס איז צוגענומען געווארן פון דיר א חלק פון דיינע אויגן. דאס וואס עס דארף זיין עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעתו, דאס פעלט פון דיר. ווען דאס וואלט געווען ביי דיר בשלימות, וואלסטו זיך נישט געיאגט, דו וואלסט צוגעגאנגען רואיג צו אלעם וואס דו דארפסט צו האבן.

**פסיעה** גסה איז נוטלת ממאור עיניו של אדם, מאי תקנתיה, וואס איז די עצה דערויף, מהדר ליה בקידושא דבי שמשי. ווען עס קומט שבת, און א יוד מאכט קידוש, ער גלייבט באמונה שלימה כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ (שמות כ-יא), דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט יש מאין. עס איז נישט דא א זאך וואס איז געווארן פון זיך אליין, עס איז נישט דא קיין זאך וואס נעמט צייט צו מאכן, בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות ה-א), דער דיבור פונעם אייבערשטען איז מחיה די וועלט. און אז דער דיבור פונעם אייבערשטען איז מחיה די וועלט, מוז דאך זיין אן השגחה פונעם אייבערשטען אויף די וועלט די גאנצע צייט, ווייל אז נישט, ווי אזוי האלט זיך עס, פון א דיבור זאל זיך האלטן א גאנצע וועלט. - ווען ער איז מקדש דעם שבת, דאס ברענגט אים צו טראכטן, אז עס איז דא א בורא עולם. און אז עס איז דא א בורא עולם וואס איז משגיח אויף די וועלט, ער קוקט זיך אום אויף אלעם. און אז דער באשעפער קוקט זיך אום אויף אלעם, האט ער פאר מיר אנגעגרייט אלעס וואס מען דארף צו האבן. דאס איז די רפואה, ער זאל נישט גיין קיין פסיעה גסה.

מאי תקנתיה איז נישט די תקנה אז עס זאל אים צוריקקומען דעם מאור עיניו של אדם, נאר עס גיט אים צו, אז ער הייבט נישט אן צו גיין מער א פסיעה גסה, ווייל ער באקומט צוריק דעם מאור עיניו של אדם, צו גלייבן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, דאס נעמט אוועק די פסיעה גסה.

*

**אליעזר** האט מתפלל געווען, ער האט געגעבן א סימן, צו וויסן אז דאס איז רבקה. דער סימן איז געווען זייער א שיינער סימן, ער האט געמאכט א סימן מיט חסד, אויב זי וועט זיין א בעלת חסד, אותה הוכחת לעבדך ליצחק, ובה אדע כי עשית חסד עם אדוני (בראשית כד-יד). יעדע תפלה וואס א יוד דאווענט, און כל שכן אמאליגע תפילות, וואס איז געווען אייגענע תפלות וואס א מענטש דאווענט, וואס איז נישט פונעם סידור, איז ער זיך קודם מסדר די תפלה און די מחשבה וואס ער וויל בעטן פונעם אייבערשטען. ער קען דאך נישט אנהייבן צו רעדן, אן דעם וואס ער האט מסדר געווען זיין תפלה. על פי הלכה דארף זיין שטענדיג אזוי, לעולם יסדיר אדם תפלתו ואחר כך יתפלל (ראש השנה לה.). אליעזר האט געדארפט אראפלייגן דא א תפלה, ער דארף א סימן ווער עס איז רבקה, האט ער מסדר געווען פאר זיך אין קאפ די תפלה, וואס ער גייט בעטן פונעם אייבערשטען. ער גייט בעטן פונעם אייבערשטען הקרה נא לפני היום, ועשה חסד, והנערה וואס איז הטה נא כדך ואשתה וכו'.

**און** ביי אן ערליכן יוד איז, והיה טרם יקראו ואני אענה (ישעיה סה-כד), ער מוז שוין נישט ארויסזאגן די תפלה פונעם מויל, וויבאלד ער האט אינזין געהאט די תפלה, איז ביים אייבערשטען אנגענומען די תפלה פונעם הארץ, און דער באשעפער ענטפערט אים תיכף אויף זיין תפלה, נאך בעפאר ער האט עס ארויסגעזאגט מיטן מויל. און אזוי איז געווען ביי אליעזר. אליעזר האט מסדר געווען די תפלה ביי זיך אינעם מחשבה, און דער אייבערשטער האט אים תיכף געהאלפן, בעפאר ער האט נאך אנגעהויבן צו רעדן די תפלה, איז רבקה ארויסגעקומען. והיה טרם יקראו ואני אענה, בעפאר ער האט ארויסגערעדט, האט אים דער אייבערשטער געענטפערט.

**און** אזוי שטייט שפעטער אין פסוק (בראשית כד-מה), ווען ער האט פארציילט די מעשה ביי בתואל אין

שטוב, אני טרם אכלה לדבר 'אל לבי', והנה רבקה יצאת, ער האט נישט ארויסגעזאגט די ווערטער פון מויל, עס איז טרם אכלה לדבר אל לבי, אין הארץ האב איך אראפגעלייגט מיין תפלה, אבער תיכף ווען ער האט מסדר געווען זיין תפלה, איך גיי זיך שטעלן יעצט דאווענען, איז שוין רבקה ארויסגעקומען. בעפאר ער האט נאך געזאגט די ווערטער וואס ער האט מתפלל געווען, והיה טרם יקראו ואני אענה. ויהי הוא טרם כלה לדבר (פסוק טו), מיינט נישט ער האט געענדיגט דאס רעדן. נאר ער האט דאך צוגעגרייט זיין רעדן פון פריער וואס ער וויל זאגן, און טרם כלה, בעפאר ער האט צוגעענדיגט זיין מחשבה, לדבר, אז איך וויל יעצט גיין רעדן, והנה רבקה יצאת. נאך בעפאר ער האט אנגעהויבן צו זאגן, איז רבקה ארויסגעקומען.

**פון** איין זייט ווייזט עס דאך א גוטער סימן, והיה טרם יקראו ואני אענה. עס איז נישט אזוי פשוט, ווייל עס שטייט אין די גמרא (תענית כה:), אז ווען מען איז גוזר א תענית אויף רעגן, מארגען צופרי גייט מען פאסטן, און עס קומט א רעגן ביינאכט, זאגט די גמרא, אז עס איז מעגליך אז אונז זעמיר נישט חשוב ביים אייבערשטען. עס איז א משל צו א מלך, וואס איינער קומט אים בעטן א בקשה, און דער מלך וויל נישט ער זאל צוקומען צו אים, זאגט ער, געבטס פאר דעם וואס ער דארף צו האבן, בעפאר ער קומט אריין אינעם פלטין של מלך. אז מען באקומט פונעם אייבערשטען בעפאר מען האט מתפלל געווען, זאגט די גמרא, איז עס אסאך מאל ווענן דעם, ווייל איך דארף נישט דיינע תפלות. לאמיר אים געבן וואס ער דארף צו האבן. און דאס איז נישט קיין גוטער סימן, אין דעם ליגט נישט קיין הצלחה, ווייל דאס איז טייטש, אז דער אייבערשטער וויל נישט מקבל זיין, זיין תפלה, און ער גיט אים נאך בעפאר ער האט געבעטן. דאס איז פון איין זייט. פון די אנדערע זייט, רצון יראיו יעשה (תהלים קמה-יט), דער אייבערשטער ווארט נישט ביז ער זאל מתפלל זיין. פאר זיין רצון אליין, גיט דער אייבערשטער, והיה טרם יקראו ואני אענה.

**דא** האט דער אייבערשטער מקבל געווען די תפלה פון אליעזר, בעפאר ער האט נאך ארויסגעזאגט די ווערטער. ווילאנג עס איז נאך געווען אין הארץ, האט דער אייבערשטער אנגענומען די תפלה. פארוואס? ווייל עס שטייט פון **בני יששכר** (תשרי ב-ו), אז א תפלה וואס א מענטש זאגט ארויס, איז אסאך מאל דא מלאכים אויבן אין הימל, מקטריגים, וואס הערן די תפלה, און זיי טוען שטערן. סכותה בענן לך מעבור תפלה (איכה ג-מד), זיי לאזן נישט די תפלה זאל אדורכגיין. א תפלה וואס א מענטש איז מתפלל אינעם הארץ, דאס איז נאר מיוחד פארן אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער ווייסט, און ביי דעם איז נישט דא קיין מכשולות, אז עס זאל קענען ווערן אויסגעפירט.

**מען** געפונט, ווען יודען זענען געווען ביים ים סוף, האט דער אייבערשטער געזאגט (שמות יד-טו), מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו. וואס איז טייטש מה תצעק אלי, מען דארף בעטן, מען דארף שרייען. נאר דער אייבערשטער האט געזאגט, יעצט איז נישט קיין צייט צו שרייען, עס איז דא מקטריגים, הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, זיי מתפלל אין הארץ, דבר אל בני ישראל ויסעו. ביי חנה געפונט מען אויך אזוי, זי האט נישט געהאט קיין קינדער, און זי איז געגאנגען מתפלל זיין, וחנה היא מדברת על לבה (שמואל א א-יג), זי האט מתפלל געווען, וקולה לא ישמע, מען האט נישט געהערט איר קול. אמאל איז דא וואס דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל ארויסזאגן די תפלה, עס זאל נישט זיין קיין שטער וואס מענטשן הערן די תפלה, איז דער אייבערשטער מקבל תיכף.

**אליעזר** האט געהאט א ספק, וואס דא גייט פאר. ער האט געזעהן אז תיכף בעפאר ער האט געענדיגט דאס דאווענען, איז רבקה ארויסגעקומען, איז עס וועגן דעם ווייל דער אייבערשטער האט מקבל געווען מיין תפלה, ווייל דער אייבערשטער וויל מצליח זיין מיין וועג. און אז ער וועט מצליח זיין מיין וועג, וויל ער נישט אז עס זאל צוקומען צו א קיטרוג, און מען זאל הערן די תפלה, האט דער אייבערשטער תיכף, והיה טרם יקראו, ואני אענה. צו ניין, דער אייבערשטער וויל נישט איך זאל מתפלל זיין פאר אים, האט ער עס אפגעווארפן, דארפסט עס נישט ארויסזאגן, דא האסטו, רבקה איז דא, און דעמאלטס ליגט נישט דערין קיין הצלחה.

**והאיש** משתאה, ער האט זיך געוואונדערט, מחריש, אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז ער זאל זיין שטיל, ער האט נישט ארויסגעזאגט

די תפלה, ויהי הוא טרם כלה לדבר והנה רבקה יוצאת. והאיש משתאה לה, ער האט זיך געוואונדערט, מחריש, וואס איז דער מחריש, פארוואס האט דער אייבערשטער נישט צוגעלאזט איך זאל ארויסזאגן די תפלה, לדעת, ער האט זיך מתבונן געווען, צו דאס מיינט ההצליח ה' דרכו, דער אייבערשטער איז מצליח מיין וועג, והיה טרם יקראו ואני אענה, וועגן דעם איז ער געענטפערט געווארן. צו ניין, אפשר איז לא הצליח, אפשר ליגט נישט דא קיין הצלחה, און דער אייבערשטער וויל נישט איך זאל מתפלל זיין, האט ער עס אפגעווארפן. וואס ווילסטו בעטן, ער גיבט דיר עס תיכף נאך, אבער עס ליגט נישט קיין הצלחה אין דעם. עס איז פארקערט, מען וויל נישט דו זאלסט קומען אין פלטין של מלך, האט מען דיר אפגעשטופט, און מען האט דיר געגעבן וואס דו דארפסט. דאס איז געווען דער והאיש משתאה לה, מחריש לדעת ההצליח ה' דרכו.

**און** דער סוף איז געווען, אליעזר האט אויסגעפירט זיין שליחות מיטן גאנצן שלימות, ער האט נישט געלאזט אפשטופן, די נגיעות האבן נישט תופס מקום געווען ביי אים, ער איז געווען המושל בכל אשר לו, מיט די שוועריקייטן וואס ער האט געהאט, האט ער געוואוסט איך דארף טון וואס עס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, צו עס געפעלט מיר דער שידוך, צו עס געפעלט מיר נישט, צו איך וואלט געוואלט עס זאל זיין אנדערש, א מענטש דארף זיך מבטל זיין, ער איז עבד אברהם, ער טוט וואס אברהם האט געבעטן פון אים.

**די** זעלבע זאג מיר אונז, אנא עבדא דקודשא בריך הוא. מען איז מתפלל, מען זאגט איך בין א עבד פונעם אייבערשטען. אן עבד האט נישט קיין יד, ער האט נישט קיין רשות, ער האט גארנישט, אן עבד איז צוגעבינדן ער טוט דעם רצון פונעם אדון. און דאס מיינט עבדא דקודשא בריך הוא, אן עבד פונעם אייבערשטען. יעדער מענטש האט זיך זיינע נסיונות, און יעדער מענטש האט זיינע זאכן וואס ער וואלט געוואלט עס זאל זיין אזוי. און אסאך מאל גייט עס אויפן חשבון פון די תורה. - א יוד דארף זיך האלטן, איך בין עבדא דקודשא בריך הוא, איך בין אן עבד פונעם אייבערשטען, א עבד האט נישט קיין יד, ער האט נישט קיין אייגענעם רשות, אלעס איז ער מיוחד וואס דער אייבערשטער וויל, טוט ער זיך איבערגעבן דערפאר.

**דאס** איז דער מוסר השכל פון פסיעה גסה, וואס עס איז נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם. **מען דארף צו גלייבן, אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס עס פאסירט פון זיך אליין. וואס עס איז אים באשערט, וועט ער ממילא האבן, און וואס עס איז נישט באשערט, קען ער טון כל טצדיקי שבעולם, וועט עס נישט צוקומען צו דעם. ווען מען געוואוינט זיך צו טראכטן אזוי, נעמט מען אויף רוהיג יעדע זאך פונעם לעבן, און ער יאגט זיך נישט אויף קיין שום זאך, ער ווייסט, אז עס דארף צו זיין, וועט עס זיין, און אז עס דארף נישט זיין, וועט עס נישט זיין. ער איז מקבל יעדע זאך ווי אזוי דער אייבערשטער האט צוגעפירט, אזוי טוט ער עס אננעמען.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען צוקומען צו די מדות וואס מען האט גערעדט, זיין אן עבד פונעם אייבערשטען, מען זאל זיך אונטערגעבן אונטערן רצון ה', אלעס וואס דער אייבערשטער וויל. מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת חיי שרה תשפ"ד לפ"ק**

### דבר תורה שנאמר לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת חיי שרה תשפ"ד לפ"ק

**די** תורה הק' פארציילט ווי אזוי אליעזר איז געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק. אברהם אבינו האט אים אנגעוואונטשן אז ער זאל גיין, און דער אייבערשטער זאל שיקן א מלאך פאר אים אויפן וועג, ער זאל קענען אויספירן דעם שליחות. און אזוי איז געווען, ער איז אנגעקומען, און ער האט געטראפן רבקה ביים וואסער, און ער האט איר געפרעגט, צו עס איז דא פלאץ ביים פאטער צו נעכטיגן, האט זי געזאגט, יא. זי איז אהיימגעגאנגען, אינמיטן איז לבן אנגעקומען, און ער האט געזאגט אנכי פניתי הבית, ומקום לגמלים. ויישם לפניו לאכול, מען האט אים געגעבן צו עסן, ויאמר, האט ער געזאגט, לא אוכל, איך עס נישט, עד אם דברתי דברי, איך האב עפעס צו זאגן, ויאמר דבר. ויאמר עבד אברהם אנכי, ער האט אנגעהויבן צו זאגן, איך בין א עבד פון אברהם, און ער האט אראפגעלייגט די גאנצע השתלשלות פון יצחק, ווי אזוי ער איז געבוירן געווארן, און דער אדון האט אים געשיקט אהער צו טון א שידוך פאר יצחק. און ער האט מיר געזאגט, ה' אשר התהלכתי לפניו, ישלח מלאכו אתך, דער באשעפער וועט שיקן א מלאך מיט דיר, והצליח דרכך, און דו וועסט מצליח זיין. פארוואס האט מען געדארפט א מלאך? וואס עס האט פאסירט ביז יעצט, איז דאך געווען אן א מלאך, און עס איז גוט געווען. אין הימל וועט מען פירן, אז רבקה זאל ארויסגיין אל עין המים, און מען וועט איר טרעפן, און זי וועט געבן צו טרינקן, און מען וועט אהיימגיין צו איר אין שטוב, און מען וועט ענדיגן דעם שידוך. פארוואס האט מען געדארפט די מלאכים דא אינדערמיט.

**אין** מדרש (ב"ר ס-יב) שטייט, אז בשעת בתואל האט געגעבן צו עסן פאר אליעזר, האט ער אים אראפגעלייגט א טעלער, און ער האט ארייגעלייגט סם המות, ער האט אים געוואלט הרג'נען. איז געקומען א מלאך, און ער האט אויסגעדרייט די טעלערס, די טעלער פון סם המות האט מען געגעבן פאר בתואל, און פאר אים האט מען געגעבן בתואל'ס טעלער. אזוי זאגט רש"י ווייטער (בראשית כד-נה), אז עס שטייט אין פסוק, אז אלעס האט לבן גערעדט, און נישט בתואל, ווייל בתואל איז געשטארבן פון דעם סם המות. - האט מען דאך געדארפט האבן א מלאך דאס צו טוישן. אלעס קען זיך פירן בידי אדם, אבער טוישן טעלערס פירט זיך

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **יואל לעפקאוויטש** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לרגל הולדת התאומים למזל טוב

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **יודא ארי' ווייגארטן** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**
לברכה והצלחה בכל ענינים

נישט אין דרך הטבע. האט מען געדארפט האבן א מלאך זאל קומען, און דער מלאך האט ארומגעדרייט די טעלערס.

**מען** ברענגט צו, אז מען האט געגעבן צו עסן פאר אליעזר, און אליעזר האט מרגיש געווען, אז דא איז דא סם המות. און ווי אזוי גיט מען זיך אן עצה מיט דעם סם וואס מען האט אים געלייגט. האט אליעזר געטראכט, אז ער גייט מאכן די סעודה פאר א סעודת מצוה, ער וועט זאגן דברי תורה, אז מען זאגט דברי תורה ביי א טיש, ווערט עס געריכנט ווי א סעודת מצוה, און פון א סעודת מצוה קען נישט ארויסקומען קיין מכשול, וועט מען שוין פון הימל עפעס מוזן דרייען דא, אז עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול פון די סעודה. ויישם לפניו לאכול, ער האט אים געגעבן צו עסן, און ער האט פארשטאנען אז דא איז דא סם המות, ויאמר, האט ער געזאגט, לא אוכל עד אם דברתי דברי, איך וויל קודם רעדן דברי תורה, וואס ער האט געוואלט זאגן, און נאכדעם וואס איך וועל רעדן מיינע ווערטער, וועט עס ווערן א סעודת מצוה, א סעודת אירוסין, און דעמאלטס וועל איך עסן, וועט עס שוין זיין א סעודת מצוה, און פון הימל וועט מען שוין אכט געבן, שומר מצוה לא ידע דבר רע (קהלת ח-ה), אז עס זאל נישט קומען קיין שלעכטס, עס וועט גארנישט פאסירן.

*

**עס** שטייט אין **דעת משה** פון **רבי משה'לע קאזניצער זי"ע**, אליעזר האט געזאגט, לא אוכל עד אם 'דברתי דברי', א לשון דיבור. ויאמר דבר, 'ויאמר', עבד אברהם אנכי. דיבור און אמירה איז צוויי ערליי ווענן. דיבור איז א לשון קשה, ווען א מענטש וויל זאגן שארפע רייד, ווערט עס אנגערופן א דיבור. און ווען א מענטש רעדט דברים רכים, ווערט עס אנגערופן אן אמירה. ער האט געזאגט, איך גיי נישט עסן עד אם 'דברתי דברי', איך האב צו זאגן א דיבור. ויאמר דבר, 'ויאמר' עבד אברהם אנכי, ער האט געטוישט פון א דיבור צו א אמירה. א דיבור איז א לשון קשה, און אמירה איז א לשון רכה.

**זאגט** דער דעת משה, אליעזר האט מרגיש געווען אז מען האט אים געגעבן סם, און ער איז געווען זייער אויפגערעגט. איך קום צו יענעם אין שטוב, און מען גיט מיר צו עסן סם, דאס איז דער שכר אויף דעם וואס איך האב געגעבן א נזם, איך האב געגעבן פריער תכשיטין פאר די טאכטער. און ער האט געוואלט פארהאלטן פאר בתואל, עטץ זענטס א באנדע שקצים, איך קום דא צו ענק, און איך ברענג דא מתנות, איך וויל דא איינשטיין, דאס געבסטו מיר צו עסן, דו געבסט מיר צו עסן סם? נאכדעם האט ער זיך געכאפט, א יוד דארף זיך קענען צוריקהאלטן, איך בין אויפגעצויגן געווארן ביי אברהם אין שטוב, איך טאר זיך נישט רעגן, אלעס איז מן השמים, דער באשעפער וועט זיך אן עצה געבן דא. איך גיי נישט פארווארפן פאר יענעם, פארוואס ער האט מיר געטון, און איך גיי רעדן נארמאל, איך גיי זיך נישט בייזערן. אפילו יענער האט מיר געטון אן עוולה, ער גיט מיר סם, ער וויל מיך הרג'נען, איך גיי רעדן נארמאל, ווי מען דארף רעדן צווישן מענטשן, כאילו עס וואלט גארנישט געווען.

**ויישם** לפניו לאכול, מען האט אים געגעבן צו עסן, און ער האט געזעהן אז דא איז דא סם, ויאמר, האט ער געזאגט, לא אוכל, איך גיי נישט עסן דערפון, עד אם דברתי דברי, איך האב דיר צו זאגן דא א דיבור קשה, דאס איז מענטשליך? מען קומט צו דיר אין שטוב אריין, און דו גיבסט צו עסן סם פאר א גאסט? ויאמר דבר. ויאמר, האט ער זיך איבערגעקלערט, ניין, עבד אברהם אנכי, איך בין א עבד אברהם, איך בין ערצויגן געווארן אין א גוטע שטוב, ביי אברהם אבינו. ביי אברהם אבינו אין שטוב האט מען אויסגעלערנט, אז מען בייזערט זיך נישט, מען שרייט נישט. אפילו מען האט א תביעה אויף יענעם, קען מען עס זאגן מיט א לשון רכה, מען דארף עס נישט זאגן שטרענגערהייט. ויאמר, איך האב געטוישט. איך האב געוואלט זאגן א דיבור קשה, אבער ויאמר, איך גיי זאגן אן אמירה רכה. פארוואס, ווייל עבד אברהם אנכי, איך בין א עבד אברהם, איך דריי זיך ביי אברהם אין שטוב, און ביי אברהם אין שטוב ווייסט מען, אז מען דארף רעדן מענטשליך צו יענעם, און מען דארף נישט רעדן מיט קיין דיבור קשה. אזוי שטייט אין דעת משה.

*

**דער** הייליגער **תפארת שלמה** זאגט, מען האט אראפגעלייגט סם המות, און אליעזר האט מרגיש געווען אז עס איז סם, זאגט ער, אליעזר איז געווען צוגעוואוינט צו עסן ביי אברהם אין שטוב. אברהם אבינו'ס שטוב איז געווען א הייליגע שטוב. וואס מען האט געטון דארט, איז אלעס געווען געמאכט בקדושה. וואס מען האט געקאכט, און וואס מען

האט אריינגעברענגט אין שטוב, און ווי אזוי מען האט דאס געקאכט, ווי אזוי מען האט צוגעגרייט די עסן, ווי אזוי מען האט געגעסן, אלעס איז געווען מיט א וועג פון קדושה. אין די מאכלים וואס איז געווען ביי אברהם אבינו, איז געווען א קדושה. אפילו מען האט נישט געגעסן די שיריים פון אברהם אבינו, מען האט נאר געגעסן פון די קאך פון אברהם אבינו. וואס מען האט געקאכט פאר אברהם אבינו, איז געווען געקאכט בקדושה, אז עס האט מקדש געווען דעם וואס האט געגעסן דערפון. דאס איז געווען ביי אברהם אין שטוב.

**יעצט** קומט ער אן צו בתואל אין שטוב. בתואל אין שטוב איז דאך א שטוב פון טומאה, און עס איז געווען א טומאה אויף די מאכלים וואס מען האט געגעסן דארט. ער האט געוואלט עסן דערפון, אבער ער האט נישט געקענט עסן דערפון, ער איז צוגעוואוינט צו עסן הייליג ברויט, און דא דארף ער עסן דברים של טומאה, ער האט נישט געקענט עסן. וואס איז די עצה דערויף, האט ער געזאגט, איך גיי זאגן דברי תורה ביים טיש, און ווען איך וועל זאגן דברי תורה, וועט די דברי תורה וואס מען וועט רעדן, מקדש זיין די מאכלים, אז אפילו די מאכלים אליין זענען יעצט פון בתואל אין שטוב, פון דעסטוועגן דאך דורך די תורה וואס מען רעדט דערויף, וועט שורה זיין א קדושה. וואו עס איז דא תורה, איז דא א קדושה.

**ויישם** לפניו לאכול, מען האט אראפגעלייגט עסן פאר אים, און ער האט געשפירט אז דא איז דא סם המות. סם המות מיינט נישט קיין סם, נאר יעדע זאך וואס האט צו טון מיט טומאה, ווערט אנגערופן סם המות, רשעים בחייהם קרויים מתים (ברכות יח:). ער האט געשפירט אז דא איז דא סם המות, אז דא איז דא סם המות דאס קען איך נישט עסן. ויאמר, האט ער געזאגט, לא אוכל עד אם דברתי דברי, איך וויל קודם רעדן דברי תורה.

**דער תפארת שלמה** גיט צו, און וואס פארא דברי תורה האט ער געזאגט, ער האט אנגעהויבן צו פארציילן סיפורי מעשיות פון צדיקים, עבד אברהם אנכי, און וה' ברך את אדוני. וייל סיפורי צדיקים האט אויך אזא כח, עס זאל קענען מקדש זיין די מאכל אזוי ווי מען רעדט דברי תורה. ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי, איך וויל קודם זאגן דברי תורה, כדי עס זאל מקדש זיין די סעודה. האט ער אנגעהויבן צו זאגן עבד אברהם אנכי, און דאס איז געווען במקום פון קידוש צו די סעודה.

*

**די** וועלט זאגט, לא אוכל עד אם דברתי דברי, מען האט געלערנט אין שלחן ערוך (או"ח רלה-ב) אז ווען עס קומט זמן תפלה, טאר מען נישט עסן, ביז מען דאווענט נישט קודם. ווען מען קומט אהיים צו נאכטמאל, טאר מען נישט עסן קיין נאכטמאל, ביז מען האט געדאווענט מעריב. אויסער אויב מען האט א מנין קבוע, וואס ער דאווענט דארט שטענדיג, וועט עס אים דערמאנען. אדער אויב ער שטעלט א שומר, וואס דער שומר זאל אים דערמאנען צו דאווענען.

**ווען** אליעזר איז אנגעקומען צו בתואל אין שטוב, איז ער אנגעקומען לעת ערב, מסתם איז שוין געווען ביינאכט. אליעזר האט נאכנישט געהאט געדאווענט מעריב, מען קען דאך נישט גיין עסן ביז מען דאווענט מעריב, האט ער געזאגט, לא אוכל עד אם דברתי דברי, איך קען נאכנישט עסן, איך דארף דאווענען מעריב. אפילו מען קען שטעלן א שומר, אז מען זאל דערמאנען צו דאווענען, קען מען נאר שטעלן א שומר א יוד, א שומר א גוי וואס עס אינטערעסירט אים נישט, צו דו דאווענסט יא צו נישט, אשר פיהם דבר שוא, קען זיין אז מען קען נישט שטעלן א שומר א גוי, וואס דער גוי זאל אים דערמאנען אז ער דארף צו דאווענען. קומט אויס, אז בתואל מיט לבן זענען נישט געווען קיין שומרים פאר אים.

**ויאמר**, האט ער געזאגט, לא אוכל, איך קען נישט עסן, עד אם דברתי דברי, איך מוז קודם דאווענען. ויאמר דבר, דאווען אפ. זאגט ער ניין, ביי מיר גייט נישט אזוי אפדאווענען, עבד אברהם אנכי, מיך האט מען אויסגעלערנט ווי אזוי צו דאווענען. מיין דאווענען נעמט א האלבע שעה, א שעה. עס איז נישט קיין דבר, זאג אפ וואס מען האט צו זאגן. אן עבד אברהם אז ער שטעלט זיך דאווענען, נעמט עס א שטיקל צייט ביז איך קען דאווענען, לא אוכל, איך קען נישט עסן יעצט די סעודה, עד אם דברתי דברי.

## בסעודה שלישית

פרשת חיי שרה תשפ"ד לפ"ק

**עס** שטייט אין די משנה (אבות ה-יט) כל מי שיש בו שלשה דברים הללו, ווער עס האט די דריי זאכען, הוא מתלמידיו של אברהם אבינו, ושלשה דברים אחרים, הוא מתלמידיו של בלעם הרשע. עין טובה ורוח נמוכה ונפש שפלה, מתלמידיו של אברהם אבינו. עין רעה ורוח גבוהה ונפש רחבה, מתלמידיו של בלעם הרשע. מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע, תלמידיו של אברהם אבינו אוכלין בעולם הזה ונוחלין העולם הבא וכו', אבל תלמידיו של בלעם הרשע יורשין גיהנם ויורדין לבאר שחת. איך וועל נישט אריינגיין אין די אריכות פון אלע דריי זאכן, נאר אויסשמועסן וואס דאס מיינט א עין טובה, וואס מען דארף זיך אפלערנען צו זיין א תלמיד פון אברהם אבינו. און נאכדעם וועלן מיר צוקומען צו עין רעה, וואס דאס מיינט אז מען איז א תלמיד פון בלעם.

**וואס** מיינט א עין טובה, מען האט א גוט אויג. רש"י טייטשט צוויי זאכן, איינס, ער איז נישט מקנא א צווייטן, ער פארגינט פאר א צווייטן, ווען יענער האט מער פון אים. יענער האט א זאך וואס ער האט נישט, פון דעסטוועגן דאך איז ער נישט מקנא דעם צווייטן, ער קוקט מיט א עין טובה, ער פארגינט. זאל יענער האבן מער, אפילו איך האב עס נישט, דער אייבערשטער האט פאר יענעם יא געגעבן, זאל ער עס האבן, און ער איז צופרידן דערמיט.

**צווייטנס**, זאגט רש"י, ער איז מכבד יענעם אזוי ווי זיך אליין. ער גיט כבוד, ער האט א עין טובה, ער איז מכבד דעם צווייטן אזוי ווי זיך. איינער וואס האט א עין רעה, וויל נישט געבן פאר יענעם אזויפיל כבוד, ווייל יענער וועט דאך זיין דעמאלטס מער פון אים, און ער פארגינט נישט פאר יענעם אז יענער זאל האבן דעם כבוד, איז ער אים ער נישט מכבד. די צוויי זאכן טייטשט רש"י.

**דער ברטנורא** מיטן **רמב"ם** אויפן פלאץ טייטשן א דריטע זאך. עין טובה איז דער טייטש, ער איז א שמח בחלקו, ער איז צופרידן. מען רעדט נישט פון א פרעמדן, מען רעדט פון זיך אליין. ער איז צופרידן מיט וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן. ער האט א גוט אויג, און ער איז צופרידן מיט דעם וואס ער האט באקומען פונעם אייבערשטען.

**דער מאירי** אויפן פלאץ טייטשט אלע דריי צוזאמען. ער איז עס כולל, אז עס איז פארבינדן איינס מיט דאס אנדערע. ווער עס האט א עין טובה אין זיך, האט א עין טובה אין יענעם. אויב בטבע האט ער א גוט אויג, נוצט ער אויס דעם עין טובה אויף זיך, אז פאר זיך איז ער א שמח בחלקו, און ער האט א עין טובה ווען עס איז נוגע צו א צווייטן, ער זאל אים מכבד זיין, ער זאל נישט האבן קיין קנאה אויף אים. - דאס איז תלמידיו פון אברהם אבינו.

**תלמידיו** של בלעם הרשע, עין רעה, ער פארגינט נישט פאר א צווייטן, אז ער האט מער פון אים. ער קען נישט געבן כבוד פאר אן אנדערן, ווייל יענער וועט דאך זיין דעמאלטס מער מכובד, און ער האט דאך קנאה אויף אים. ער איז קיינמאל נישט צופרידן מיט וויפיל ער האט. יש לו מנה רוצה מאתים (קה"ר א-לד), וויפיל ער האט, דארף ער נאך און נאך, און ער ווערט נישט פארטיג. - דאס איז תלמידיו פון בלעם הרשע.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, די חשיבות פון א עין טובה. אז מען האט א גוט אויג, אז יעדע זאך קוקט מען אן גוט, דאס ברענגט א ברכה אויף יעדע זאך וואס ער קוקט. ווען מען קוקט אויף א זאך מיט א עין טובה, גיט עס אריין א ברכה אין די זאך וואס ער האט געקוקט מיט די אויגן.

**עס** שטייט אין **רמב"ן** (פרשת במדבר א-מה), ווען מען האט געציילט יודען, זענען אלע יודען אדורכגעגאנגען אקעגן משה מיט אהרן, און אזוי האט מען זיי געציילט. זאגט דער רמב"ן, פארוואס האט מען געדארפט אדורכגיין משה ואהרן, משה און אהרן האבן געהאט וויכטיגערס צו טון ווי צו ציילן מענטשן. מען קען ציילן אויף אן אנדערע וועג אויך. זאגט דער רמב"ן, יעדער איז אדורכגעגאנגען משה מיט אהרן, כדי שישימו עליהם עינם לטובה, אז משה מיט אהרן זאלן אנקוקן מיט זייערע הייליגע אויגן, יעדן איינעם וואס גייט אדורך. און דורך די בליק פון

משה רבינו וועלן זיי האבן א ברכה, אז דער מספר וועט נתרבה ווערן, און עס וועט נישט פעלן פון די מספר וואס איז דא. ציילן קען דאך אמאל זיין שפעטער א חסרון, און מען דארף האבן א ברכה עס זאל צוקומען צו וואס מען האט געציילט. אז מען וועט אדורכגיין ביי משה מיט אהרן, און משה רבינו מיט אהרן וועלן קוקן אויף זיי, וועלן זיי האבן די עין טובה, וואס וועט משפיע זיין אויף זיי א ברכה.

**עס** שטייט אין **ספורנו** (פ' ואתחנן), משה רבינו האט געוואלט אריינגיין אויף ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט ער קען נישט אריינגיין. משה רבינו האט געבעטן, אעברה נא ואראה את הארץ הטובה (דברים ג-כה), און דער אייבערשטער האט מסכים געווען אויף דעם, ער האט אים געוויזן ארץ ישראל. וואס איז דער ואראה את הארץ הטובה. זאגט דער ספורנו, משה רבינו האט געזאגט, איך וויל זעהן ארץ ישראל, כדי איך זאל געבן א ברכה אויף ארץ ישראל מיט מיינע אויגן. אז איך וועל קוקן אויף ארץ ישראל, וועט עס האבן די ברכה פון משה רבינו. ויראהו ה' את כל הארץ, אפילו ער האט נישט געקענט אריינגיין, משה רבינו האט געזעהן יעדע ווינקל אין ארץ ישראל, כדי ער זאל געבן א ברכה אויף ארץ ישראל. - דאס איז די חשיבות פון א עין טובה, וואס א מענטש קוקט מיט א גוט אויג, איז חל א ברכה אויף די זאך וואס ער האט געזעהן.

**דער** מקור דערפון איז א **זוהר הק'** (פרשת ויקהל ריז:). רות איז געקומען אין פעלד, און זי האט געקליבן בימי קציר חטים, און בועז האט איר באמערקט, און בועז האט געפרעגט, למי הנערה הזאת, און ער איז צוגעגאנגען צו איר, און ער האט איר געזאגט, עיניך בשדה אשר יקצורון (רות ב-ט), דו זאלסט געבן דיינע אויגן אין דעם פעלד וואס דו שניידסט. זאגט דער זוהר הק', אז ער האט געזעהן אויף איר, אז זי האט א עין טובה, זי האט א גוט אויג, האט ער געזאגט, איך בעהט דיך, גיי נישט אוועק אין א אנדערע פעלד, דריי זיך דא ארום, כדי דו זאלסט קוקן אויף מיין תבואה, וועט אריינקומען א ברכה אין די תבואה וואס איך האב. און דער זוהר הק' זאגט, אז וואו רות איז געגאנגען, האט ער געזעהן אז מען האט געקליבן א שיבולת, און עס איז צוגעקומען א פרישע שיבולת אויף דעם פלאץ. די ברכה וואס מען קען נעמען פון אן עין טובה איז אזוי גרויס, אז עס ווערט געדאפלט. זי האט גענומען פון די שיבלים, און עס איז צוגעקומען פרישע שיבלים אויף דעם פלאץ וואו מען האט געקוקט. ווייל א עין טובה גיט א ברכה אויף די זאך וואס מען זעהט.

**מען** זעהט ביי יוסף הצדיק, ווען די ברודער זענען אראפגעקומען אויף מצרים, און ער האט זיי אויסגעפרעגט, האט ער געזאגט, מען זאל ברענגען בנימין, הורידוהו אלי ואשימה עיני עליו (בראשית מד-כא), איך וויל לייגן מיין אויג אויף אים. ווען מען האט אראפגעברענגט בנימין, און זיי זענען אנגעקומען צו יוסף, שטייט אין פסוק (בראשית מג-כט) וישא עיניו וירא את בנימין אחיו, יוסף האט אויפגעהויבן די אויגן, און ער האט געזעהן זיין ברודער, ויאמר, האט ער געזאגט, אלקים יחנך בני. זאגט רש"י, אלע קינדער האבן שוין באקומען א לשון חנינה פון יעקב, אשר חנן אלקים את עבדך (בראשית לג-ה), בנימין איז נאכנישט געווען דארט, פאר בנימין האט אויסגעפעלט א ברכה פון חנינה, האט יוסף געזאגט אלקים יחנך בני.

**יוסף** איז געווען אן עין טובה. יוסף האט פארגינען. מען זעהט שפעטער, אז כאטש מען האט אים פארקויפט פאר אן עבד, פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך אפגעגעבן מיט די ברודער אלע זייערע יארן שפעטער. ער האט זיי מפרנס געווען, און ער האט נישט געהאלטן קיין חשבונות מיט זיי. אין הייליגען אור החיים הק' שטייט א מבהיל'דיגע לשון, דער הייליגער **אור החיים הק'** זאגט (פ' ויגש), ווען יוסף האט זיך באוויזן צו די ברודער, און ער האט זיי געזאגט (בראשית מה-ד) אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה, איך בין ענקער ברודער יוסף, וואס עטץ האטס מיר פארקויפט. וואס האט ער גערדארפט דערמאנען אשר מכרתם אותי מצרימה, זיי ווייסן דאך אז זיי האבן אים פארקויפט.

**זאגט** דער הייליגער אור החיים הק', אז ער האט זיי געזאגט, מיין ברודער'שאפט האט זיך נישט אויפגעהערט אפילו ווען עס איז געווען אשר מכרתם אותי. ווען מען האט מיך גענומען, מען האט מיך פארקויפט פאר אן עבד, איז מיין אחוה נישט גערירט געווארן, עס האט זיך נישט אפגעקילט, און עס איז נישט אויסגעלאשן געווארן די ברודער'שאפט וואס איך האב געהאט. אני יוסף אחיכם, אשר מכרתם אותי מצרים, בשעת די מכירה

אליין, האט ער געהאט אין זיך די אחוה צו די ברודער.

**מען** קען זיך פארשטעלן, אונז פשוטע מענטשן, עס זאל אזאנס פאסירן, אז מען פארקויפט אים, און ער דארף ווערן אן עבד אין מצרים, און מען קען נישט ארויסגיין מער פון דארט לחירות. די איבריגע ברודער בלייבןביים טאטען אין שטוב אין ארץ ישראל, וויפיל קנאה שנאה מען וואלט געהאט אויף די ברודער, וואו זיי געפינען זיך, און וואו ער געפינט זיך. יוסף האט געזאגט, אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה, איך בין יוסף אחיכם, און די זעלבע אחוה האב איך געהאט בשעת מען האט מיך פארקויפט.

**יוסף** האט געהאט א טוב עין, ער האט געהאט א גוט אויג, ער האט פארגינען. וואס איז מיר באשערט, איז מיר באשערט, וואס פאר ענק איז באשערט, איז פאר ענק באשערט. עס האט גארנישט צו טון וואו איך וועל זיין, וואו עטץ וועטס זיין. עס האט אים נישט גערירט די אחוה, פון דעם וואס מען האט אים פארקויפט אויף מצרים.

**פאר** בנימין פעלט דאך חנינה, און מען דארף געבן יעצט פאר בנימין א חנינה. ווער קען איבערגעבן א ברכה פאר בנימין, נאר א טוב עין. יוסף וואס ער איז געווען דער טוב עין זאגט, הורידוהו אלי, ברענגטס אים אראפ צו מיר, ואשימה עיני עליו, איך וויל ארויפלייגן מיין אויג אויף אים. איך וויל מיט מיין עין טובה, זאל חל זיין א ברכה. און ווען ער איז אנגעקומען, וישא עיניו, האט ער א גאנצע צייט געקוקט צו זיי, ער האט זיך אויפגעהויבן די אויגן, ווייל ער האט געוואלט זיין עין זאל געבן די ברכה, אלקים יחנך בני. און די גמרא (ברכות כ.) זאגט, אז אויף יוסף איז נישט שולט קיין עין רעה, ווייל יוסף איז געווען א עין טובה, איז נישט שולט ביי אים קיין עין רעה. און מיט דעם עין טובה האט ער געוואלט ארויפלייגן א ברכה אויף בנימין.

**און** דאס איז געווען די מדה פון אברהם אבינו. אברהם אבינו האט געהאט א עין טובה. יעדע זאך וואס ער האט געקוקט, איז חל געווארן דערויף א ברכה. ווייל א עין טובה וואס קוקט אויף א זאך, ברענגט א ברכה.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, והיה ברכה (בראשית יב-ב). וואס איז טייטש והיה ברכה, דו זאלסט זיין א ברכה. די לשון אין רש"י איז, הברכות נתונות בידך, דו קענסט בענטשן וועם דו ווילסט. ווייל אברהם אבינו וואס זיין מדה איז געווען אן עין טובה, איז געווען א שטיק ברכה, אז וואו ער האט געקוקט, און וואו ער האט זיך געדרייט, איז אויף אלעם חל געווארן א ברכה. און דאס איז געווען ביי אברהם אבינו, וה' ברך את אברהם בכל (בראשית כד-א), דער באשעפער האט געבענטשט אברהם אבינו, נישט נאר אז ביי אים אין שטוב האט ער געהאט די ברכה, נאר 'בכל', אין יעדע זאך וואס אברהם אבינו האט צוגערירט, און ווי ער האט זיך געדרייט, איז איבעראל חל געווארן א ברכה, ווייל דאס איז די מדה פון א עין טובה.

*

**פארקערט**, עס איז דא א מדה פון עין רעה, מען פארגינט נישט פאר קיין צווייטן. אן עין רעה זאגט די גמרא (בבא מציעא קז.), איז מזיק יענעם, מיט דעם וואס ער קוקט מיט א שלעכט אויג. דאס איז דאך דער ענין פון עין הרע, מען קוקט מיט א שלעכט אויג אויף יענעמ'ס חפצים, איז מען עס מזיק. די גמרא זאגט, אז מען זאל נישט שטיין בקמת חבירו, בשעת די פעלד וואקסט, און עס איז שיין די תבואה, און עס רייצט אן פארן אויג, אז יענער האט אזא שיין פעלד מיט תבואה, זאל מען נישט שטיין דארט. ווייל טאמער האט ער א שלעכטע מחשבה, מיט א שלעכטן בליק וואס ער קוקט דערויף, איז ער א מזיק, ער קען שעדיגן יענעמ'ס פעלד.

**די** גמרא זאגט, אז מען קען הרג'נען א מענטש, מיט עין רעה. די גמרא זאגט, אז רב איז אמאל געווען אין א בית הקברות, און ער האט געמאכט א לחש, צו וויסן פון וואס די מענטשן זענען געשטארבן. האט ער געזאגט, אין דעם פלאץ זענען ניין און ניינציג מענטשן געשטארבן דורך עין רעה, נאר איינער איז געשטארבן פון א נארמאלען וועג. - זעהט מען, אז עס דא די מדה מגונה, ווען א מענטש ארבעט זיך נישט אויס זיין אויג, און ער פארגינט נישט פאר יענעם, וואס דאס קען גורם זיין. עס קען מזיק זיין מענטשן, עס קען הרג'נען מענטשן, די גמרא דרש'נט והסיר ה' ממך כל חולי (דברים ז-טו), זו עין רעה. דער באשעפער וועט אראפנעמען פון דיר דעם עין רעה, און אז ער וועט אראפנעמען פון דיר עין רעה, האט ער אוועקגענומען פון דיר כל חולי.

**מען** בעהט יעדן טאג ביים דאווענען, שתצילנו מעין הרע, דער אייבערשטער זאל אונז מציל זיין פון א שלעכט אויג. געווענליך מיינט מען צו טייטשן, יענער זאל נישט האבן אויף מיר קיין עין הרע. נייז, מען בעהט נישט, אז 'יענער' זאל נישט האבן אויף מיר א עין רע. מען בעט אויף זיך אליין, שתצילנו, דער אייבערשטער זאל מיך מציל זיין, מעין הרע, ווען איך קוק אויף א זאך, קוק נישט מיט קיין עין רעה, קוק נישט מיט קיין אומפארגינערשקייט, יענער האט מער. אלץ איז דא מענטשן וואס האבן מער איינער פונעם צווייטן. טאמער מען ארבעט זיך נישט אויס די מידות פון זיין אן עין טוב, ווערט מען א מזיק.

*

**די** משנה זאגט די חילוק צווישן די תלמידים פון אברהם אבינו, און די תלמידים פון בלעם הרשע. די תלמידים פון אברהם אבינו רעכנט ער אויס א מעלה וואס זיי האבן בעולם הזה, און וואס זיי האבן בעולם הבא. אוכלים פירותיהם בעולם הזה, זיי עסן זייערע פירות אויף די וועלט, און זיי זענען נוחלים לעולם הבא, זיי באקומען א נחלה לעולם הבא. ווען מען רעכנט אויס די עונש פון די תלמידיו של בלעם, זאגט ער, זיי זענען יורשין גיהנם, און זיי זענען יורדים לבאר שחת. רעדט מען דאך נאר פון יענע וועלט, זיי גייען אין גיהנם, און זיי גייען אין באר שחת, מען רעדט נישט וואס עס טוט זיך אויף די וועלט. מען האט דאך אנגעהויבן אז ביי צדיקים איז דא צוויי מעלות, וואלט ער געדארפט ארויסברענגען וואס איז ביי זיי דער עולם הזה, און וואס איז ביי זיי דער עולם הבא.

**שטייט** אין די מפרשים, יורשין גיהנם גייט נישט ארויף אז זיי זענען יורשין גיהנם לעולם הבא, נאר זיי זענען יורשין גיהנם אויף די וועלט. **ווען א מענטש האט זיך נישט אויסגעארבעט די מדה, אז ער זאל האבן א עין טובה, ער קען נישט פארגינען פאר א צווייטן, לעבט ער מיט א גיהנם. ווייל אין יעדע סביבה וואו ער איז, וועט ער אלץ טרעפן מענטשן וואס האבן מער פון אים. איינער איז מער געלונגען פון אים, איינער האט מער געלט פון אים, איינער האט א בעסערע שטוב, איינער איז מער א בעל כשרון, מענטשן זענען נישט אייניג. און אז עס טוט אים וויי, און ער פארגינט נישט פארוואס יענער האט, און ער האט נישט, איז יורשין גיהנם. מען רעדט נישט** **פון עולם הבא, ער איז יורש גיהנם אויף דער וועלט. די וועלט אליין איז פאר אים א גיהנם.** יורדין לבאר שחת, דאס איז לעולם הבא.

**די** גמרא (מנחות כט.) זאגט, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט א אות ה"א. אלה תולדות השמים והארץ בהבראם (בראשית ב-ד), בה"א בראם, מיט א אות ה"א האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. נאכדעם איז דא א מדרש (ב"ר יב-ט) אז בהבראם גייט ארויף אויף אברהם, עס איז די זעלבע אותיות. באברהם, אין זכות פון אברהם, האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. עס שטייט אין ספרים (עיין **בכור שור** שבת ל:, **ובזרע קודש** (לערב יוה"כ) בשם **הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע**) א דער אות ה"א, איז א אות פון שמחה. געווענליך ווען א מענטש איז פריילך, זאגט ער הא, עס איז א לשון פון א שמחה.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן די וועלט בה"א בראם, נישט עס זאל זיין א וועלט פון צער, נאר עס זאל זיין א וועלט וואס א מענטש זאל קענען ארומגיין פריילך, גוט אויפגעלייגט, לעבן מיט א שמחת החיים, ווי מען רופט עס אן, אז א מענטש האט אין זיך א שמחה פון לעבן. בה"א בראם, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אז עס זאל זיין מיט א ה"א. אבער דאס קען מען נישט צוקומען נאר באברהם, נאר ווען א מענטש גייט אין די מדות פון אברהם אבינו, ער איז פון די תלמידיו של אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו איז געווען א עין טובה, מיט א רוח נמוכה, מיט א נפש שפלה, דער האט א לעבעדיגע וועלט, דער האט א וועלט וואס איז שמחה, פריילך. עס שטערט אים נישט וואס יענער האט, ער איז א שמח בחלקו מיט וואס ער האט. דער וואס איז אלץ פארנומען מיט יענעם, יענער האט מער, און איך האב קיינמאל נישט גענוג, דאס ברענגט אים אז עס פעלט אים, יורשין גיהנם, עס פעלט די ה"א, פעלט פון די בריאת העולם.

*

**אין** די גמרא (פסחים קיב.) שטייט די חשיבות פון א עין טובה, ווען א מענטש איז געבענטשט מיט א עין טובה, וואס ער גיט דאך א ברכה אויף יעדע זאך וואס ער קוקט, איז דאך כל שכן אז ער גיט א ברכה אויפן מענטש אליין, אויף זיינע געשעפטן, און אויף זיינע חפצים. אז ער קוקט מיט א עין טובה, ברענגט דער עין טובה א ברכה. די גמרא זאגט, ווען א

מענטש איז א מוצלח, ער האט א ברכה אין זיינע געשעפטן, איז גוט אז מען זאל האנדלען מיט אים. לא מיבעיא, מען זאל ווערן א שותף מיט אים, אוודאי, ער איז דאך מצליח. נאר אפילו סתם קויפן און פארקויפן פאר יענעם, איז עס אויך מצליח. ווען דו קויפסט פון יענעם, האסטו באקומען א חפץ פון איינעם וואס האט געהאט אן עין טובה, ליגט אין דעם חפץ די עין טובה, און דו וועסט מצליח זיין מיט דעם חפץ. ווען דו פארקויפסט אים א זאך, האסטו באקומען געלט, די געלט וואס דו האסט באקומען פון יענעם, וועט זיין א ברכה דערין, ווייל עס ליגט דערין א עין טובה. דער עין טובה וואס א מענטש האט, גייט אריבער אויף אלע זיינע חפצים. און די גמרא זאגט, וועגן דעם איז הנוטל פרוטה מאיוב מתברך, אז מען האט גענומען א פרוטה פון איוב, האט מען געהאט א ברכה. וואס קען מען שוין טון מיט איין פרוטה? ווייל ביי איוב שטייט (איוב א-י) מעשה ידיו ברכת, דער באשעפער האט אים געבענטשט, ער האט געהאט א ברכה במעשי ידיו. אז עס איז דא א ברכה במעשה ידיו, ליגט א ברכה אין יעדע פרוטה וואס ער האט, אז הנוטל פרוטה מאיוב מתברך.

**איז** דאך א כל שכן, ווען מען רעדט פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו איז דאך דער סימבאל פון א עין טובה, וואס עס איז געווען וה' ברך את אברהם בכל, דער באשעפער האט אים געבענטשט מיט אלעם, איז אין אלע חפצים וואס אברהם אבינו האט געהאט, איז געלעגן דערין א ברכה פון אן עין טובה.

*

**דער** פסוק (משלי כח-כב) זאגט, נבהל להון, א מענטש וואס איז בהיל אויף פארמעגן, איש רע עין, ער האט א שלעכט אויג, ולא ידע, און ער ווייסט נישט, כי חסר יבואנו, אז עס וועט אים פעלן. רש"י טייטשט, נבהל להון, ווען א מענטש איז אריינגעטון אין געלט, ער איז נבהל צו האבן אסאך פארמעגן, איז ער דאך א רע עין, ער פארגינט דאך נישט. יעדע פרוטה וואס ער וועט אוועקגעבן, וועט דאך פעלן פון זיין הון, ער איז דאך א נבהל להון. הייבט ער אן ממעט צו זיין אין תרומות און מעשרות און צדקה, ער איז דאך נבהל להון, ער האט אן עין רעה אוועקצוגעבן. ולא ידע, און ער ווייסט נישט, כי חסר יבואנו, אז דאס וועט אים ברענגען חסר. דו האסט גארנישט פארדינט מיט דעם וואס דו האסט געהאלטן ביי דיר די תרומות און מעשרות. אז דו וועסט נישט געבן קיין תרומות ומעשרות, וועסטו האבן א חסרון אין דיין תבואה. דאס וואס דו ביסט געווען א רע עין, דו האסט נישט געגעבן, דאס וועט צוריקהאלטן די ברכה זאל קענען חל זיין.

**עס** קען זיין, אז עס ליגט אין דעם פסוק. דער מדרש (קה"ר א-לד) זאגט דאך, יש לו מנה רוצה מאתים. דער באשעפער האט אריינגעלייגט די נאטור אין מענטש, אלץ וויל ער האבן מער און מער. ווען ער האט א מנה, וויל ער מאתים, ווען ער האט מאתים דארף ער נאכאמאל דאפעלט אזויפיל. ער האט הונדערט, דארף ער צוויי הונדערט. ער האט טויזענט, דארף ער צוויי טויזענט. האט ער א מיליאן, דארף ער צוויי מיליאן. און ווי מער געלט ער האט, ווי מער הון ער האט, האט שוין נישט ביי אים קיין חשיבות קיין קליין געלט, נאר גרעסערס און גרעסערס. ווייל וויפיל ער האט, אזויפיל דארף ער אייביג האבן דאפעלט. אין אדם מת וחצי תאותו בידו (קה"ר א-יג), וויפיל ער האט, האט ער נאר אייביג די העלפט. וויפיל ער האט, וואלט ער געדארפט האבן דאפעלט.

**דער** משל דערפון שטייט אין הייליגע ספרים, אזוי ווי א מענטש וואס איז דורשטיג, און ער טרינקט געזאלצן וואסער, עס טוט אים טאקע זעטיגן אויף די מינוט, אבער ער ווערט מער דורשטיג אויף נאך. די זעלבע איז א נבהל להון, עס זעטיגט אים, ער האט יעצט פארדינט נאך עפעס, ער האט באקומען נאך עפעס, אבער ווי לאנג זעטיגט עס אים? אויף א פאר טעג. שפעטער וויל ער נאך מער. און ווען ער האט נאך מער, וויל ער נאך מער. קומט אויס, א מענטש וואס איז נבהל להון, וויפיל ער פארדינט, אזויפיל פעלט אים נאכדעם נאך מער. ביז ווילאנג ער האט פארדינט ווייניג, האט אים נאר געפעלט ווייניג. ווען ער האט פארדינט אסאך, פעלט אים אסאך. נבהל להון, ווען א מענטש איז נבהל להון, ער איז א רע עין, ולא ידע, ער ווייסט נישט, כי חסר יבואנו, דאס וואס דו ביסט נבהל להון, דאס וועט דיר ברענגען, אז נאכדעם וועט דיר פעלן נאך מער פון וואס דו האסט. ווייל א מענטש וואס האט נישט קיין עין טובה, און ער איז נישט צופרידן מיט זיין חלק, ער איז נישט צופרידן מיט וויפיל ער האט, איז אלץ ביי אים חסר, עס פעלט אים נאך און נאך. ווי מער ער באקומט, פעלט אים אלץ מער.

**אבער** ווען איינער האט די מדה פון אברהם אבינו, ער האט א עין טובה, ער איז צופרידן מיט אלעם, ער איז צופרידן וויפיל ער האט, ער איז צופרידן וואס דער חבר האט, ער פארגינט פאר יעדן איינעם, דער עין טובה וואס ער האט, גיט אריין א ברכה אין זיין פארמעגן. מען זעהט דאך ביי איוב, מעשה ידיו ברכת, אז ער האט געהאט א ברכה אין די מעשה ידיו. דאס געלט וואס מען באקומט פון אן עין טובה, דארט איז נישט דא קיין חסר, דארט איז נישט דא אז עס וועט אים פעלן שפעטער, ער איז נישט צופרידן, ער וויל האבן נאך. ווייל די מדה פונעם מענטש, אז ער איז אן עין טובה, ליגט אין דעם חפץ, אין דעם געלט וואס ער האט באקומען. געלט פון אן עין טובה, איז געלט וואס ברענגט נישט קיין חסרון, עס ברענגט א צופרידנהייט, ווייל עס קומט פון א צופרידענעם מענטש.

**אברהם** אבינו איז געווען דער סימבאל פון אן עין טובה. אברהם אבינו'ס געלט, ווען ער גיט ארבע מאות שקל כסף, איז דאס נישט ארבע מאות שקל כסף וואס עס וועט דיך שפעטער ברענגען, אז דו וועסט וועלן האבן נאך ארבע מאות שקל. נאר דו האסט באקומען ארבע מאות שקל, און דו וועסט זיין צופרידן מיט די ארבע מאות וואס דו האסט. אברהם אבינו האט געזאגט, ווען איך וועל עס קויפן, איך געב דיר כסף מלא (בראשית כג-ט), איך געב דיר נישט קיין כסף וואס איז חסר יבואנו, וואס נאכדעם וואס דו האסט עס באקומען, וועט דיר נאך פעלן, דו וועסט וועלן האבן נאך מער. מיין געלט וואס איך האב, איז כסף מלא, עס איז פול, דו האסט באקומען פיר הונדערט, און דו ביסט צופרידן מיט די פיר הונדערט. ווייל דאס איז געווען די מדה פון אברהם אבינו. און נישט נאר אז דו וועסט זיין צופרידן, נאר עובר לסוחר (בראשית כג-טז), ווען דו וועסט האנדלען דערמיט, ווער עס וועט האנדלען דערמיט, עובר, דער כסף מלא וועט אריבערגיין, לסוחר, צו ווער דו וועסט האנדלען דערמיט. ער וועט אויך האבן דערפון א ברכה, אזוי ווי די ברכה פון אברהם אבינו. ווייל דאס איז די מדה פון א עין טובה, וואס א מענטש האט.

**ווען** א מענטש לערנט זיך אויס צו פארגינען פאר א צווייטן, דאס קומט נישט אן גרינג זיך אויסצולערנען, אבער ווען ער ארבעט אויף זיך, ער זאל נישט זיין קיין יורש גיהנם, ער זאל לעבן א צופרידן לעבן, ער איז צופרידן מיט וואס דער אייבערשטער גיט אים. און אז דער אייבערשטער גיט פאר יענעם נאך מער, איז ער צופרידן, זאל יענער האבן וואס עס איז אים באשערט. מיר וועט גארנישט צוקומען פון דעם וואס יענער וועט האבן ווייניגער, צו יענער וועט האבן מער. עס האט גארנישט צו טון מיט מיר. דעמאלטס ליגט א ברכה אין דעם פארמעגן וואס ער האט. א ברכה פאר זיך. און ווער עס האנדלט מיט אים, האט אויך א ברכה אין זיין פארמעגן.

*

**אברהם** אבינו שיקט אליעזר, איך דארף א שידוך פאר יצחק. גיי זיי מיר מסדר דעם שידוך אין ארם נהרים. אליעזר אליין האט געהאט א טאכטער, און אליעזר האט געוואלט זיך משדך זיין מיט אברהם אבינו. ווער נאך ווי אליעזר האט פארשטאנען די חשיבות פון א שטוב פון אברהם אבינו, וואס א יצחק איז, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים. ער האט זייער געוואלט יצחק פאר אן איידעם. און אברהם זאגט אים, אונז זענמיר נישט איינער פארן אנדערן, דו ביסא א ארור און איך בין א ברוך, אין ארור מתדבק בברוך, איך קען נישט טון מיט דיר דעם שידוך (רש"י בראשית כד-לט).

**ווען** איינער טראגט אן פאר יענעם, ער וויל טון מיט דיר א שידוך, און דו ווילסט נישט דעם שידוך, וועט ער נישט מאכן יענעם פאר א שליח, גיי יעצט און פיר מיר אויס א צווייטן שידוך. אז יענער וויל אליין דעם שידוך, וועט ער מאכן פארשידענע וועגן, אז דער צווייטער שידוך זאל נישט ווערן, אפשר וועט ער צוריק קומען נאכדעם צו מיר. און אז דער שידוך וועט יא ווערן, וועט ער זיין מלא קנאה, יענער האט זוכה געווען צו דעם שידוך וואס איך האב געוואלט. פאר מיר איז עס נישט געלונגען, פאר יענעם איז עס יא געלונגען. ווי אזוי קומט אברהם, און ער נעמט אליעזר, אליעזר זאל זיין דער וואס גייט אים אויספירן דעם שידוך? ער וואלט דאך געקענט נעמען א צווייטן שליח, וואס האט נישט קיין טאכטער, און אים זאל ער שיקן.

**אברהם** אבינו האט נישט מורא געהאט. ווייל אברהם אבינו איז געווען א שטוב פון א טוב עין, מען האט פארגינען פאר יעדן איינעם. וואס איז מיר באשערט, איז מיר באשערט, דו וועסט האבן וואס

איז דיר באשערט. און אז אליעזר איז געווען דער דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, איז אליעזר געווען מתלמידיו של אברהם אבינו, און ער האט אין זיך קונה געווען די מדה פון אן עין טובה. און אברהם איז געווען אזוי זיכער, אז אליעזר וועט נישט האבן קיין שום קנאה, און אליעזר וועט אויספירן אלעס וואס דארף צו זיין דא, ווייל אליעזר האט אן עין טובה. ער איז נתחנך געווארן ביי אברהם אבינו אין שטוב, און ער האט אן עין טובה, מען קען אים שיקן פאר א שליח, אפילו א שידוך וואס ער וויל. אז עס ווערט נישט מיט אים, וועט ער עס טון מיט א צווייטן.

**זאגט** די תורה הק', ווען ער האט געשיקט אליעזר זאל גיין טון דעם שידוך, וכל טוב אדוניו בידו (בראשית כד-י). טוב אדוניו, די גוטס פון אדוניו, איז געווען בידו. וואס איז דער טוב פון אברהם אבינו, 'עין טובה'. ער האט געשיקט אליעזר, ווייל ער האט געוואוסט אז וכל טוב אדוניו, די גאנצע טוב וואס אברהם האט, דער עין טובה וואס איז דא אין אברהם אבינו, דאס איז בידו, ער האט אויף דעם עין טובה, און ער קען אים שיקן. ווען א מענטש האט א עין טובה, איז אפילו עס איז אקעגן זיינע אינטערעסן, און אפילו עס האט זיך נישט אויסגעפירט וואס ער האט געוואלט, ער וועט טון דעם שליחות וואס איז נוגע צו יענעם, עס רירט נישט אן צו אים. וועגן דעם האט ער געקענט שיקן אליעזר, ווייל וכל טוב אדוניו, דאס גאנצע גוטס וואס זיין אדון אברהם אבינו האט געהאט, וואס דער טוב אדוניו, איז דאך דער עין טובה, בידו, איז געלעגן אין די הענט פון אליעזר. האט ער געקענט שיקן אליעזר, ער האט זיך פארלאזט אויף אים, אז ער וועט אויספירן דעם שידוך. און עס איז טאקע אזוי געווען, אז אליעזר האט געטון דעם שידוך, אויסגעפירט מיטן גאנצן שלימות. דאס איז די שיינע מדה פון אברהם.

*

**ווען** ער קומט אן אויף ארם נהרים, דארט איז לבן. לבן דאס איז בלעם (תנחומא ויצא יג). א טייל זאגן אז עס איז ממש דער זעלבער מענטש, בלעם איז געווען א גלגול פון לבן (אר"י הק' שער הפסוקים פ' כי תשא), ווי אזוי מען וועט עס אויסטייטשן, על כל פנים די זעלבע קליפה פון בלעם, עס איז מתלמידיו של בלעם הרשע. דארט איז פארקערט, דארט איז אין אלעם דא אן עין רעה. אלעס וואס מען קען יענעם שעדיגן, שעדיגט מען. מען פארגינט נישט פאר קיינעם וואס ער האט. אליעזר קומט אן, און ער האט געלט, ווי אזוי קען מען זיך אן עצה געבן מיט דעם געלט וואס אליעזר האט, ווי אזוי קען מען עס צונעמען. היפך די מדות וואס איז געווען ביי אברהם אבינו. ביי תלמידיו של אברהם אבינו איז עין טובה, און ביי תלמידיו של בלעם איז עין רעה.

**ווען** לבן הערט אז אליעזר איז אנגעקומען, און ער האט געגעבן פאר רבקה די צירונגען וואס די תורה פארציילט, וירץ לבן אל האיש החוצה אל העין (בראשית כד-כט), ער האט געוואלט לייגן זיין עין רעה אויף אליעזר. למה רץ ועל מה רץ, פארוואס איז ער געלאפן, נתן 'עיניו' בממון, זיין עין רעה וואס ער האט נישט פארגינען, אז עס קומט דא אן א מענטש מיט אזא גרויס פארמעגן, נתן 'עיניו' ער וויל ארייגלייגן זיין עין רעה וואס ער האט, אין די ממון וואס ער האט געברענגט.

**איז** דאך אליעזר געווען אין א סכנה, דער עין רעה וועט אים שאטן. עס שטייט אבער אין **כלי יקר** (בפרשתנו), [עס איז גוט צו וויסן]. וואס קען א מענטש טון, זיך צו היטן פון אן עין רעה. מען זוכט היינט סגולות פון אלע זייטן וואס מען קען אפשפרעכן עין הרע וכדומה. אפשפרעכן עין הרע איז טייטש, אז דער עין הרע איז שוין דא, און מען זוכט נאכדעם עס אפצושפרעכן. וואס קען א מענטש טון נאך מער, אז עס זאל נישט חל זיין אויף אים קיין עין רעה. שטייט די וואך אין כלי יקר, ווען א מענטש געוואוינט זיך צו האבן אן עין טובה אויף א צווייטן, איז נישט חל אויף אים קיין עין רעה. ווען א מענטש געוואוינט זיך, יעדע זאך גיי איך קוקן מיט א גוט אויג, איך גיי נישט מקנא זיין א צווייטן. ווען איך זעה ביי יענעם א טובה, וועל איך זיין צופרידן אז דער באשעפער האט עס אים געגעבן. איך גיי זיך נישט ארומדרייען מיט קיין שלעכט אויג אויף יענעם, איז ווען יענער האט א שלעכט אויג אויף דיר, וועט נישט חל זיין דער עין רעה.

**ער** שרייבט נישט קיין מקור דערויף, פון וואו ער נעמט עס. אבער עס איז די גמרא וואס מען האט פריער גערעדט. די גמרא (ברכות כ.) פארציילט, אז רבי יוחנן פלעגט צו זיצן בשערי טבילה, און מען האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט נישט מורא פון אן עין הרע. האט ער געזאגט, אנא מזרעא דיוסף

קא אתינא, איך קום פון זרעא פון יוסף, ביי יוסף איז נישט שולט קיין עין הרע. יוסף האט זיך געהיטן די אויגן, איז אויף זיין אויג נישט שולט קיין עין הרע. ווייל עס שטייט אין פסוק (בראשית מט-כב) בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין. אל תקרי עלי עין, אלא עולי עין, ער גייט איבער דעם אויג. אפילו עס איז דא אן עין רעה אויף אים, עס רירט נישט צו אים, ער גייט איבער דעם עין רעה, און עס איז נישט חל אויף אים דער עין רעה.

**מען** האט פריער גערעדט, אז יוסף האט געהאט אן עין טובה, אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה. אז יוסף האט געהאט אן עין טובה, איז אויף יוסף נישט חל קיין עין רעה. ממילא אויף אברהם האט נישט געקענט חל זיין קיין עין הרע, אויף אליעזר האט אויך נישט געקענט חל זיין קיין עין רעה, ווייל עס איז דאך געווען כל טוב אדוניו בידו, ער האט געהאט די עין טובה וואס אברהם אבינו האט געהאט. און אז מען האט דעם עין טובה פון אברהם אבינו, האט אויף אים נישט חל געווען קיין עין רעה. קען קומען לבן, און ער קען זיין נתן עיניו בממון, עס האט גארנישט געשאדט פאר אליעזר.

**פארציילט** די תורה, ויבא אל האיש, לבן איז אהין אנגעקומען, והנה עומד על הגמלים, ער האט אים געטראפן שטיין על הגמלים, 'על העין', ער איז עולי עין, ביי אים איז נישט חל דער עין רעה. ער לויפט צו אים 'אל העין', ווייל נתן עיניו בממון, ער האט געוואלט ארייגלייגן זיין עין רעה אין זיין געלט, אבער ער האט אים געטראפן 'על העין'. אז א מענטש גיט אכט, ער זאל נישט האבן קיין עין רעה אויף א צווייטן, פארגינען פאר אן אנדערן, האבן אן עין טובה, איז חל אויף אים די ברכה, אז אויף אים איז נישט חל קיין עין רעה. און דאס איז געווען אליעזר, וואס איז געווען עולי עין, אויף אים האט נישט חל געווען דער עין רעה, און ער האט זיך נישט דערשראקן ארייצוגיין צו לבן און בתואל אין שטוב, און אראפלייגן וואס ער האט אלץ, ווייל ער האט געוואוסט אז אויף אים וועט נישט חל זיין קיין עין רעה.

* * *

**צום** סוף ווינטשן זיי אן, אחותנו, אונזער שוועסטער, את היי לאלפי רבבה, דו זאלסט זיין לאלפי רבבה.

מען זעהט פריער אין די פרשה, ויען לבן ובתואל ויאמרו, מה' יצא הדבר, דער שידוך איז מה', פונעם אייבערשטען, לא נוכל דבר אליך רע או טוב (בראשית כד-נ), אונז קען מיר נישט אריינרעדן, נישט שלעכטס און נישט גוטס, מה' יצא הדבר. פון וואן זענען זיי געווארן אזעלכע גרויסע מאמינים, אז עס איז מה' יצא הדבר. און ער האט זיך עפעס אסאך דערשראקן אז דער אייבערשטער זאגט עפעס. זיי זענען דאך געווען עובדי עבודה זרה, זיי האבן נישט געגלייבט אין אייבערשטען. איז מה' יצא הדבר, איך וויל נישט, ער טרויט זיך נישט צו רעדן אקעגן ה', האט ער זיך געטרויט צו רעדן לא נוכל לדבר אליך רע או טוב.

**דער זיידע**, דער **שאמלויא'ער רב זכרונו לברכה**, זאגט אין זיין ספר **אבני המקום** (אבן הרחיים אות לח), אז לבן איז דאך בלעם. מען זעהט אז בלעם האט אויך געוואלט שעלטן יודען, און דער אייבערשטער האט אים אריינגעלייגט א רסן און א חכה בפיו, ער האט נישט געקענט רעדן. וואס איך וועל דיר הייסן רעדן, דאס וועסטו רעדן. ער האט געוואלט שעלטן יודען, ער האט נישט געקענט ארויסזאגן די קללה פונעם מויל. ער האט נאר געקענט רעדן וואס דער אייבערשטער האט אים אריינגעגעבן אין מויל.

**די** זעלבע איז געווען ביי לבן. לבן האט געוואלט אפרעדן דעם שידוך, ער האט נישט געוואלט טון דעם שידוך. דער אייבערשטער האט גענומען א רסן, ער האט אים אריינגעלייגט אינעם מויל, ער האט נישט געקענט זאגן נאר וואס עס איז געווען א דיבור פונעם אייבערשטען, עפעס אנדערש האט ער נישט געקענט רעדן. ער האט געוואלט רעדן דאס און דאס, איך קען נישט. מה' יצא הדבר, דאס איז פונעם אייבערשטען, ווייל לא נוכל דבר אליך, איך קען נישט רעדן, רע או טוב, איך האב א חכה אין די מויל, וואס לאזט מיך נישט רעדן קיין שום זאך. האב איך דאך נישט קיין ברירה, איך קען דאך נאר רעדן וואס מען האט מיר אריינגעלייגט אין מויל צו רעדן, איז מה' יצא הדבר, קען גיין דער שידוך ווייטער.

**און** דאס איז א מוסר השכל אויף שידוכים. עס איז נישט דא נאך אזא אומפאסענדער שידוך, ווי דער שידוך פון יצחק. געווענליך בדרך כלל א שידוך גייט, מען טראגט אן צוויי משפחות וואס זענען בדרך כלל כאטש עפעס ענדליך איינער צום צווייטן. אויב עס איז אזוי ווייט איינס פונעם אנדערן, איז א

נארמאלער מענטש, טראגט נישט אן אזא שידוך. ער ווייסט, עס פארט זיך נישט איינס מיט דאס אנדערע. ווען מען הערט אמאל א אינטערעסאנטע שידוך, פרעגט מען, ווער איז געווען דער שדכן דערויף, ווען איז איינגעפאלן אפילו אזא זאך, צוזאמצושטעלן ראובן מיט שמעון? ווייל א שידוך טראגט מען אן, א זאך וואס איז פאסענד. אבער אז אין הימל וויל מען אז דער שידוך זאל געשען, ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), קען געשען יעדע שידוך אויף דער וועלט! מען נעמט אוועק דעם שכל פון דעם מענטש, מען נעמט אוועק דעם דיבור פונעם מענטש, און ער איז מסכים אויפן שידוך. אז דאס דארף זיין פון הימל, געשעהנט עס.

**מען** זאגט נאך פונעם **גור'ער רבי זצ"ל**, אז א יוד האט זיך אפגערעדט פאר אים, און ער האט אים געזאגט, אז איך בין אזוי אריינגעפאלן מיט דעם שידוך וואס איך האב געטון, נישט דאס האב איך געמיינט, נישט דאס האב איך געוואלט. האט אים דער גור'ער רבי געזאגט, ווען עס קומט צו א שידוך, נעמט מען צו דעם שכל פונעם מענטש, און ער טוט וואס עס דארף צו זיין מן השמים. וואס האסטו געוואלט, מען זאל דיר צונעמען דעם שכל ווייטער אויך, דו זאלסט נישט באמערקן, פריי דיך אז מען האט עס דיר צוריק געגעבן, וועגן דעם באמערקסטו יעצט זאכן וואס דו האסט פריער נישט באמערקט...

**דער** שידוך איז א שידוך וואס קלאפט נישט. אבער דא איז די פרשה פון שידוכים, דא דארף מען אראפשטעלן די שידוכים פאר אלע דורות, אז מען זאל וויסן, אז עס איז מה' יצא הדבר, יעדע שידוך אויף די וועלט קען זיין. מען קען צוזאמשטעלן א יצחק מיט א רבקה, א בתואל מיט אברהם. אברהם איז געווען דער מקור פון קדושה, פון די אבות. און לבן ביקש לעקור את הכל, דער מקור פון טומאה, וואו פאסט זיך מען זאל צוזאמשטעלן אזא שידוך, צוזאמשטעלן אברהם מיט לבן ובתואל. קומט אליעזר, און ער זאגט, מיין אדון איז זייער גרויס, און ער האט א זון יצחק, אויך אזא צדיק אזוי ווי ער. בתואל דארף דען א איידעם א צדיק, ער דארף האבן אן אברהם פאר א מחותן? ער דארף האבן א יצחק? ער דארף האבן פון די בנות הכנעני, פון די קינדער פון די כנענים, דאס איז פאסנד פאר אים. אבער דער שידוך איז געווארן, ווייל שידוכים איז מן השמים!

שידוכים איז נישט וואס א מענטש טראכט אויס, דער פאסט פאר יענעם, דער פאסט נישט פאר יענעם. יעדן שידוך האט מען אויסגערופן ארבעים יום קודם יצירת הולד בת פלוני לפלוני, פאר יעדן יוד איז צוגעגרייט זיין שידוך פון ווען ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, און וואס עס איז אים באשערט, וועט אים אנקומען. און וואס עס איז נישט באשערט, וועט אים נישט אנקומען. און קיינער קען נישט קאליע מאכן א שידוך פארן צווייטן, אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח.), א זאך וואס איז מוכן פאר א מענטש, פון ווען ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט איז עס אים מוכן, קיינער קען נישט אפרעדן קיין שידוך.

**און** אז מען איז ברוגז אויף יענעם, אז יענער האט אפגערעדט א שידוך וכדומה, איז עס פשוט נאריש! ווייל א שידוך וואס איז דיר באשערט, קען קיינער נישט אפרעדן. און אז מען האט אפגערעדט, איז א סימן אז דאס איז נישט מן השמים. מען האט דיר דירעקט צוגעשיקט דו זאלסט הערן די אינפארמעישא"ן, ווייל דער שידוך איז נישט פאר דיר. - מען זאגט נאך פונעם **חזון איש**, איינער האט זיך אמאל אפגערעדט, אז אלע שידוכים וואס מען טראגט אים אן, האט ער א שונא, וואס רעדט אים אפ די שידוכים. האט אים דער חזון איש געזאגט, ווען עס וועט אנקומען דיין ריכטיגער שידוך, וועט מען יעדן פרעגן, נאר נישט אים. אז דער באשעפער וויל, וועט מען פרעגן נאר דעם וואס וועט זאגן גוטס אויף דיר. און אז מען האט געזאגט שלעכטס אויף דיר, איז א סימן אז דער שידוך איז נישט פאר דיר.

**און** די גרעסטע ראיה דערויף איז פון דעם שידוך. א שידוך וואס איז נישט פאסענד איין שטוב צום צווייטן, רחוק כרחוק מזרח ממערב, אבער אז דער אייבערשטער האט געוואלט, וישם חכה בפיו, יא ער איז מסכים צו דעם שידוך, איך וויל דעם שידוך. מען האט אנגעטראגן דעם שידוך, און עס איז געווארן פון דעם שידוך. לבן אליין האט זיך גע'חידוש'ט, איך האב מסכים געווען צו אזא שידוך? ווי קען איך מסכים זיין צו אזא שידוך פון אברהם און יצחק, עס איז נישט בדומה צו מיר. אבער אז אין הימל האט מען אזוי געוואלט, מה' יצא הדבר, און עס איז געווארן דער שידוך.

**האט** ער געזאגט פאר רבקה, דו ווערסט זיין א סימבאל פאר אלפי רבבה, פאר צענדליגער

טויזענטער יודישע שטובער וואס וועלן דארפן אויפשטעלן שפעטער שטובער, וועסטו זיין א סימבאל, אז א שידוך וואס איז אנגעגרייט מן השמים, קען זיך צוזאמשטעלן אפילו עס איז כרחוק מזרח ממערב איין שידוך צום צווייטן. קיינער קען עס נישט אפרעדן. און טאמער מען לייגט סם המות פאר דעם שדכן, קומט א מלאך און ער נעמט עס אוועק. אחותינו, את היי לאלפי רבבה, ער האט נישט גערעדט יעצט אז עס וועט ארויסקומען פון איר די אלפי רבבה. ער האט געוואוסט אז עס וועט ארויסקומען, ווייל עס איז דאך דא א ברכה פון אברהם אבינו. אבער את היי, דו וועסט זיין דער משל דערויף, לאלפי רבבה, אלפי רבבה שפעטער, ווען מען וועט לערנען די פרשה, וואס דא איז דער מקור פון שידוכים, וועט מען זעהן דערפון, און פארשטיין, אז א שידוך איז מן השמים. און טאמער איז א שידוך באשערט, וועט צוזאמקומען א בתואל מיט א יצחק צוזאמען. און טאמער עס איז נישט באשערט, דעמאלטס וועט עס ממילא נישט אנקומען.

**בדרך** צחות, ער האט איר געזאגט נאכדעם, ויירש זרעך את שער שונאיו. געווענליך מאכט זיך דאך אסאך שונאים ביי שידוכים. יענער האט אפגעזאגט דעם שידוך, יענער האט מיר אפגערעדט דעם שידוך, יענער האט אזוי געגעבן אינפארמעישא"ן, מען ווערט שונאים. ויירש זרעך, דיינע קינדער וועלן פארטרייבן, את שער שונאיו, וואס מען איז משער אז יענער איז א שונא. את היי לאלפי רבבה, דו וועסט זיין א סיבאל דערויף פאר אלפי רבבה, אז א שידוך וואס איז מן השמים, איז מה' יצא הדבר, און קיינער קען עס נישט אוועקנעמען.

*

**די** חיזוק וואס מען נעמט ארויס פון די פרשה, דא איז דאך די פרשה פון שידוכים פאר אלע דורות. מה' יצא הדבר, **יעדן איז צוגעגרייט זיין שידוך, אלעס איז אנגעגרייט מן השמים, מען דארף נאר מתפלל זיין עס זאל אנקומען די ריכטיגע.** אויף אלעם דארף מען תפלה, אליעזר האט אויך מתפלל געווען, נאכדעם וואס אברהם אבינו האט אים שוין געשיקט, און ער האט געהאט דעם כח פון אברהם אבינו, האט ער מתפלל געווען, הקרה נא לפני היום, ועשה חסד עם אדוני אברהם, תפלה דארף מען אלעמאל מתפלל זיין.

**מען דארף קיינמאל נישט האבן קיין שברי לב, אויף א שידוך וואס איז נישט געווארן. עס איז נישט מן השמים, עס האט נישט געדארפט זיין דער שידוך. נישט ברוגז זיין ווען איינער האט אפגערעדט א שידוך. דער שידוך איז נישט מן השמים, וועגן דעם האט מען צוגעפירט ער זאל עס אפרעדן. דער שידוך וואס איז צוגעגרייט, איז צוגעגרייט פון ארבעים יום קודם יצירת הולד, און דאס וועט אנקומען בכל אופן.**

*

**מען** זיצט יעצט ביי א סעודת שבת פון א שמחה, מיין אייניקל אברהם דוד זאל זיין געזונט, דער באשעפער האט אים צוגעשיקט ב"ה אזא חשובע שטוב, דער מחותן א תלמיד חכם, די כלה איז א בת תלמיד חכם, דער חתן איז ב"ה א תלמיד חכם. איך האב אסאך אייניקלעך ב"ה, אבער אברהם דוד איז פון די גרעסטע מתמידים וואס איז דא צווישן מיינע אייניקלעך. טאג און נאכט איז ער ביי די גמרא. ער האט זיך אסאך געדרייט ביי מיר אין שטוב, ווען איך בין אויפגעשטאנען האב איך אים שוין געטראפן זיצן ביים לערנען, און ווען איך האב מיך געלייגט שלאפן, איז ער אויך געזעסן ביי די גמרא. שבתים, און ערב שבתים, מוצאי שבתים, געזעסן און געלערנט, ב"ה ער האט שוין אדורכגעלערנט רוב ש"ס מיט בחינות. דין נפיש מדבית אבא, ער האט עס אזוי געלערנט ביים פאטער, ער האט שוין אפאר מאל מסיים געווען ש"ס מיט בחינות, און ער האט איבערגעגעבן פאר די קינדער, די קינדער גייען ב"ה אין דעם וועג.

**מען** זאגט נאך, אז מען האט געזאגט אמאל פאר א גדול, ער האט אדורכגעלערנט ש"ס, האט מען אים געפרעגט, דו האסט געלערנט ש"ס, אבער וואס האט ש"ס דיך געלערנט... ב"ה ביי דעם חתן, נישט נאר ער האט געלערנט א גרויס חלק פון ש"ס, נאר ש"ס האט אים אויך אויסגעלערנט! זיינע מדות טובות וואס ער האט, דאס איז אלץ פון זיין לימוד התורה, וואס ער איז געזעסן באהלה של תורה כל ימיו. זאל דער אייבערשטער געבן, ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, און זיצן באהלה של תורה מתוך שמחה וטוב לבב. דער אייבערשטער זאל געבן, אז ער זאל קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

**אין** א זמן פון שמחה, זאל דער אייבערשטער געבן שמחות און נחת ביי ענק אלע, מען זאל זעהן אי"ה

גוטע שידוכים ביי די קינדער, עס זאל זיין מה׳ יצא הדבר, עס זאל גרינג אנקומען, און שנעל אנקומען, מען זאל נאר הערן גוטע בשורות. דער באשעפער זאל העלפן, אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה, דער באשעפער זאל זיך מרחם זיין אויפן כלל ישראל, די שמחה זאל ברענגען אסאך שמחות. און ווי מען האט פריער גערעדט, אז משה רבינו האט געזאגט, ואראה את הארץ הטובה, ער האט געוואלט לייגן זיין אויג אויף ארץ ישראל, ווייל ער האט געוואלט אז עס זאל חל זיין א ברכה. די ברכה פן משה רבינו זאל נישט אראפגענומען ווערן, עס זאל מגין זיין אויפן גאנצן כלל ישראל. מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין בקרוב, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.